ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
## ספר
# טהרת ישראל
## להחפץ חיים זצ"ל

בלשון הקודש ואידיש

**144**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

והגית בו יומם ולילה כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים

בן בג בג אומר הפך בה

והפך בה דכלא בה

פרקי אבות ה׳ כ״ב

ספר

# טהרת ישראל



ספר

# טהרת ישראל

בו יבואר גודל השכר לנשים הנוהגות ליזהר בעניני הטבילה כדין וכדת התורה. ולהיפך גודל העונש ח"ו למי שמקילין עצמן בזה. גם יבואר בו כמה דינים נחוצים בענינים אלו ומוטל על כל איש לראות שתהיה אשתו בקיאה היטב באלו הלכות

אוּן בִּכְדֵי אַלֶע זָאלִין פַארְשְׁטֵיין דִיא הֵיילִיגֶע אִין זִיסֶע רֵייד וְויא אָפּ צוּ קֶערִין זִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטֶען וֶועג אוּן צוּ גִיוֵוינֶען זִיךְ צוּ גֵיין אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטִינְם וֶועג הָאבֶּען מִיר דָאס מַעְתִּיק גִיוֶוען אוֹיף עִבְרִי טַייטְשׁ. אוּן אוֹיךְ אִיז דָא פַאַרְאַן דִיא נֵייטִיגֶע דִינִים פוּן הִלְכוֹת נִדָּה וָואס מִיא דַארְף זַייא זַייעֶר וִויסֶען.

מאתי **ישראל מאיר** ב"ר **ארי' זאב הכהן** מעיר **ראדין**.


יצא לאור על ידי

## חברת מחזיקי הדת

מפעל לעניני יהדות במדינת בראזיל

נתיסדה על ידי תלמידי המתיבתא תורה ודעת ממדינת בראזיל.

RUA IBITURUNA 37
RIO DE JANEIRO, BRAZIL

160 S. 2nd Street
Brooklyn 11, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A. BY SAPHROGRAPH CO., 194 ELIZABETH ST., NEW YORK 12, N. Y.

נדפס בבית דפוס של ספראגראף קאמפאני
*194 ELIZABETH STREET*
*NEW YORK 12, N. Y.*

Rabbi Mendel M. Zaks
SON IN LAW OF THE CHOFETZ CHAIM
43 WEST 93RD STREET
NEW YORK 25, N. Y.
TEL. ACADEMY 2-6541

מנחם מענדיל יוסף זאקס
בלא"א יעקב מרדכי הי"ד
ראש ישיבת חפץ חיים מראדון

בעה"י

באו לפני בחורי חמד יקרים ומצוינים בתורה ויראת ד' מתלמידי המתיבתא „תורה ודעת" בנויארק
ילידי ותושבי מדינת בראזיל אשר באמעריקא הדרומית באי כח חברת „מחזיקי הדת" דהתם, אשר
שמו להם למטרה להחזיק ולרומם דת תוה"ק במדינתם וכאשר שענין טהרת בנות ישראל רפוי
ברצונם להדפיס את הס' טהרת המשפחה לאדמו"ח הגה"צ מרן הח"ח זצללה"ה
ולהפיצו בישראל ומן הכסף אשר ירויחו יבנו מקוה כשרה לבנות ישראל והנני נותן להם
רשות גמור להדפיס את הס' הנ"ל בפעם הזאת למטרה הנ"ל, ואמינא לפעלא טבא יישר כחם
וד' יהא בעזרם ויגולגל זכות ע"י זכאים כמותם לרומם קרן כבוד ד' ותורתו במדינתם
וע"ז באתי עה"ח היום ו' עש"ק ב' ניסן תשי"ב לפ"ק מנחם מענדיל יוסף זאקס חתן בעל החפץ חיים זצ"ל
וראש ישיבת ראדון

---

בעהי"ת

באו לפני בחורי חמד יקרים ומצוינים בתורה ויראת ד' מתלמידי המתיבתא „תורה ודעת" בנויארק, ילידי ותושבי מדינת בראזיל אשר באמעריקא הדרומית, באי כח חברת „מחזיקי הדת" דהתם, אשר שמו להם למטרה להחזיק ולרומם דת תוה"ק במדינתם וכאשר שענין טהרת בנות ישראל רפוי', ברצונם להדפיס את הס' טהרת המשפחה לאדמו"ח הגה"צ מרן ה„חפץ חיים" זצללה"ה ולהפיצו בישראל ומן הכסף אשר ירויחו יבנו מקוה כשרה לבנות ישראל, והנני נותן להם רשות גמור להדפיס את הס' הנ"ל בפעם הזאת למטרה הנ"ל, ואמינא לפעלא טבא יישר כחם וד' יהא בעזרם ויגולגל זכות ע"י זכאים כמותם לרומם קרן כבוד ד' ותורתו במדינתם. וע"ז באתי עה"ח היום ו' עש"ק, ב' ניסן תשי"ב לפ"ק.

מנחם מענדיל יוסף זאקס
חתן בעל החפץ חיים זצלל"ה וראש ישיבת ראדון

# הקדמה

**הנה** ידוע כי טהרת בנות ישראל היא יסוד קדושת אומה הישראלית וצוה הקב"ה לפרוש מנשותינו בנידותן עד שתספוו ימיה ותטבול במקוה של מ' סאה. כפי שגלוי וידוע לפניו שבזה תטהר ותתקדש האשה מטומאתה ולא תטמא את בעלה בטומאתה השוכב עליה בימי נדותה והולד הנוצר יהיה נוצר בקדושה וטהרה. ולא נשמע מעולם שחלילה שום איש ואשה מבנות ישראל הכשירות יקילו ח"ו בענין טבילת נדה אשר עונשה חמור מאד שהם וזרעם נכרתין ח"ו ואדרבה החמירו בנות ישראל בכל חומר כדין וכדת. ועתה בעוה"ר הנה הגיע לאזנינו שמועה מבוהלה אוי לאוזן שכך שומעת ולמשמע אוזן דאבה נפשינו שבעיירות הגדולות התחילו מקצתן לפרוץ בענין איסור נדה החמורה שנשים הילדות בנות עשירים אינן טובלות עצמן כלל במקוה כי יש להן אמבטאות (וואנעס) בביתן וחושבו' כי די להן זה במקום טבילה ומקצתן התחכמו עוד בהטלת ט' קבין עליהן וזהו דברי בורות גמורה שע"פ התורה כ"ז שלא תטבול במקוה של ארבעים סאה הנעשית כדין וכדת היא נדה גמורה וחייבין עליה כרת ר"ל. ובנים הנולדים לו ממנה יהיו בודאי פגומים. והאמת כי קשה עלי הדבר מאוד לדבר בענין הזה כי נפשי תשתוחח בקרבי מדי העלי על רעיוני למה הגיענו בדור האחרון הזה שנצטרך לדבר ולזרז לדברים פשוטים כאלה אשר אף אנשים הנבערים מדעת או אפילו אנשים אשר רוח החופש קצת יפעמם בדורות הקודמים ח"ו לא נתנם לבם לעבור בשאט נפש על איסור החמור הזה אבל מה נעשה אם הגיענו לידי כך הלא אין אנו רשאין להשות. עלינו לקרוא בראש הומיות מה זה ועל מה זה

---

הנה דאס איז בעוואוסט אז דיא ריינקייט פון אידישע פרויען איז דער גרונט פון דיא הייליגקייט פון דיא אידישע אומה. און הקב"ה האט געבאטין אז מען זאל זיך אפ שיידין פון דיא ווייבער בעת זיי זענען ניט ריין ביז וואנען זיא זאל ציילין אירע טעג און נאך דעם אז אפילו זיא האט געציילט אירע זיבען ריינע טעג מוז זיא זיך פריער טובל זיין אין א מקוה פון פערציג סאה וואסער וויא עס איז בעוואוסט פאר הקב"ה אז מיט דעם שיעור וואסער ווערט זיא ריין פון איר טומאה און זיא איז שוין ניט מטמא דעם מאן וואס לעבט מיט איר. און דער קינד וואס עס וועט שוין געבארין ווערין וועט שוין זיין דיא נשמה זייגע גינומען ווערין פון איין הייליגען ארט פון לעבין כסא הכבוד. און עס האט זיך קיין מאהל ניט גיהערט אז קיין מאנספערזאהן אדער אפרוי זאלין חלילה מיקל זיין אין טבילה פון איין נדה וואס איר שטראף איז זייער גרוס וואס זיי מיט זייערע קינדער וועלין צום סוף פאר שניטין ווערין פון דער וועלט און איצט בעו"ה הערט זיך איין אמידעקע זאך ווי איז צו אונז אז מיר האבין דער לעבט אזא פינצטערע צייט אז אין דיא גרוסע שטעט האבין אנגעהויבין אביסול פון די נגידישע פרויען דיא יונגע צו ברעכין דעם ענין דהיינו זיי גייען ניט קיין טבילה נאר זייא וואש'ן זיך ארום אין וואנעס אין שטאט טבילה און אביסול פון זיי גיסין זיך ארוף אויף זיך ניין טעפ וואסער אין שטאט טבילה. און דאס איז אלץ רייד פון בורים ושוטים ווארום ע"פ התורה כל זמן זיא איז זיך ניט טובל אין א מקוה פון פערציג סאה וואסער איז זיא נדה וויא גיוועזן און אויב דער מאן איז מיט איר זענען זיי ביידע חייב כרת און דיא קינדער וואס וועלין געבארין ווערין וועלין זיין פגומים (דאס הייסט ריקים ופוחזים). און דער אמת איז מיר זייער שווער צו ריידין אין דעם ענין איך ווער צו ציטערט אז איך דער מאן זיך אז ארום אזא דבר פשוט זאל מען דארפין ריידין וואס אין דיא פריערדיגע יאהרין איז אפילו דיא פרויען האבין חלילה ניט גיקלערט ארום אזעלכע זאכין צו ברעכין ה"ו נאר וואס זאל מען טאהן אז מיר זענען שוין גיקומען צו אזא פינצטערע לאגע טארין מיר ניט שווייגן חלילה. מיר דארפין שרייען פאר דיא גאנצע וועלט און זיך ניט שעמען וואס איז דאס גיווארין אזא פייער אויף דער וועלט צו וז"ו אונזער תורה הקדושה איז פאר ענדערט גיווארין צו נאטם רייד וועט ח"ו פארשטערט ווערין ? ניין ברידער דיא זון מיט אלע הערשאפט פון הימעל וועט פריער פארשטערט ווערין און גאט ב"ה זיינע רייד וועט חלילה ניט פאר שטערט ווערין. און וויא זאלין ניט מורא האבין סיי דיא פרויען סיי דיא

מאנען

# הקדמה

זה נעשתה התבערה הגדולה הזאת האם תורתינו נשתנתה האם דבר אלקינו תופר ח"ו. לא כן אחי השמש וצבא השמים תופר ודבר אלקינו יקום לעולם. ואיך לא יגורו הנפשות האלה (הן הנשים הן בעליהן) מאלקי המשפט אשר יביא מעשיהן לפני כסא הדין בבוא יום הפקודה אף בחייהן וכ"ש במיתתן. והתבוננתי כי סיבת הפרצה הזאת בכללו היא אחת. קרירת הדת. שנתקררה בעו"ה בעולם וירד מטה מטה מן הקל אל החמור עד שהגיעה להקל באיסורין החמורות שבחמורות ובפרטן אתה מוצא ששה סיבות לזה. אמונה והשגחה ידיעה הפקר לעג בושה יאוש וסימנו **אוי"ה לב"י** ונבארם אחת לאחת בפרקים הבאים אי"ה. ואקוה לד' כי כל איש ואשה אשר יתבוננו בם יברחו מן העון הזה כבורח מן האש. והנה במקומות שהתחילו לפרוץ במצות טבילה מצוה על הב"ד שבעיר לדרוש ולזרז בענין זה ומצינו בגמ' ברכות דף כ' רב גידל הוי יתיב בשערי טבילה ואמר הכי טבילו והכי טבילו עאכ"ו שמצוה לזרז שלא יבטלו מצוה זו לגמרי. וד' הטוב יגדור פרצת עמו בב"א:

---

מאַנְען פאַר דֶעם מִשְׁפָּט פוּן גָאט וָואס וֶועט בְּוַדָאי גִיבְּרַאכְט וֶוערְן פַאר דֶעם הֵיילִיגֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד בְּשַׁעַת עֶם וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס וֶוערִין דֶער מַאנְט אַלֶע אֲפִילוּ כָּל זְמַן זֵיי לֶעבִּין אוּן כ"ש נָאךְ דֶעם טוֹט. אוּן אִיךְ הָאבּ בִּירֶעכוּנְט אַז דִיא סִיבָּה פוּן דֶעם אִיז דֶער עִקָר ווייל עֶס אִיז קַאלְט גִיוָוארִין דֶער דַת בִּיסְלַאךְ ווייס י' ד"ער פוּן גְרִינְגֶערֶע עִנְיָנִים ווַייטֶער בִּיז וַואנֶען עֶס הָאט דֶער לַייגְנְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַרְבָּסְטֶע עֲבֵירוֹת. אוּן מִיר וֶועלִין אי"ה מְבַאֵר זַיין אִין דֶעם קוּנְטְרֶס אַלֶע סִיבּוֹת וָואס בְּרֵיינְגְט צוּ דֶעם עָוֹן. אוּן אִיךְ הָאף צוּ הש"י אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּקִין וֶועט נָאךְ דֶעם אַנְטְלוֹיפִין פוּן דִיא עֲבֵירָה וִויא פוּן פַייֶער. אוּן גָאט ב"ה זאל פַאר צָאמֶען אַלֶע פְּרָצוֹת בב"א

# פרק ראשון

## בו יבואר סיבת התרשלות הבאה ע"י רפיון אמונה :

**הנה** אחז"ל בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר וצדיק באמונתו יחיה דהיינו שראה ברוח קדשו שבאחרית הימים תלוי עיקר קיום התורה רק באמונה שאם האמונה ביסודות התורה היא חזקה תתקיים התורה כולה ואם העיקר הזה תתרופף ח"ו אז כל קיום התורה תתרופף . והנה עד היום אמונת קדושת חוקי התורה היה נשרש בלב ישראל איש ואשה הכל ידעו כי ד' אלקי השמים צוה והזהיר לנו על קיום תורתו וגילה לנו שחיי נפשנו בעולם הנצח תלוי בזה [כמו שאמר הכתוב ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם וכמו שביאר התרגום וחי בהם בחיי עלמא ונאמר עוד ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב וגו' אשר תשמעו אל מצות ד' וגו' כי היא חייך וגו'] כי אמונתנו הקדושה הנחילונו אבותינו שנחלוהו מאבותם ואבותם מאבותם דור דור עד דור הראשון שהיה ששים רבוא אנשים בעלי דעת ותבונה (שפחות שבנשיהם היה גדול מיחזקאל הנביא כמו שאחז"ל והעתיקו הרמב"ם) שעמדו בהר סיני וראו בעיניהם כאשר נגלה להם הש"י מן השמים ודיבר עמהם פנים בפנים . והזהיר להם על התורה הזאת לשמור ולקיים כי היא חיינו ואשרנו אם נקיים חוקותיה ואם נעבור עליה מרה תהיה אחריתנו ח"ו כי ד' אלקינו לא ישא פנים ולא יקח שחד . ובכח האמונה הטהורה הזאת היה נשמר ונעשה כל חוקי התורה ומצותיה כדין דור אחר דור עד דור האחרון הזה. אך עתה בעו"ה קמו אנשי בליעל שהחלו להפיץ ספרי מינות בעולם שמלעיגין מן התורה ומצותיה ועי"ז נתקרר הדת אצל הרבה מהצעירי' והצעירות שמאמינים לדברי הכסילות והבערות האלה כמו אם היה בהם ממש . וישכחו אשר קבלת תורתנו הקדושה לבד שמוסכמת היא אצלנו מכמה עשיריות

יורות

## פרק א

אוּנְזֶער הַיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט אַז חֲבַקּוּק הַנָּבִיא הָט גִישְׁטֶעלְט גַאנְץ תּוֹרָה אוֹיף אֱמוּנָה דְהַיְינוּ אוֹיבּ דִי אֱמוּנָה אִין דִי הַיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִירֶע יְסוֹדוֹת אִיז שְׁטַארְק וֶועט הָאבִּין אַקִיוּם מִמֵילָא גַאנְץ תּוֹרָה אָבֶּער אוֹיבּ דִיא אֱמוּנָה אִיז שְׁלַאף ח"ו מִמֵילָא אִיז דֶער גַאנְצֶער קִיוּם שְׁלַאף. אוּן בִּיז הַיינְט אִיז דִיא אַלֶע חוּקִים פוּן דִי הַיילִיגֶע תּוֹרָה גִיוֶוען אַיין גִיזֶעצְט בַּייא אַלֶע יוּדֶען אִין הַארְצִין סַאיי מַאנְס פַּרְשׁוֹן סַאיי פְרוֹיעֶן אַלֶע הָאבִּין גִיוְואסְט אַז גָאט דֶר בַּשֶׁעפֶער פוּן דִיא וֶועלְט הָאט אוּנְז פַאר זָאגְט אוֹיף דֶעם אַז מִיר זָאלִין מְקַיֵים זַיין דִיא תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט אוּנְז מְגַלֶה גִיוֶועןאַז דֶער קִיוּם פוּן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת אִין דִיא אֵייבִּיגֶע וֶועלְט וֶועט זַייךְ אוֹיבּ מִיר וֶועלִין מְקַיֵים זַיין זַיינֶע גִיזֶעצִין (וּכְמוֹ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חוּקוֹתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם וּכְמוֹ שֶׁתַּרְגֵם אוּנְקְלוֹס ע"ש) וָוארוּם אוּנְזֶער הַיילִיגֶע אֱמוּנָה הָאבִּין אוּנְז גִימַאכְט יַרְשֶׁענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין וָואס זֵיי הָאבִּין דָאס פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערִין אוּן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע בִּיז דֶעם עֶרְשְׁטִין דוֹר וָואס יֶענְצְמָאלְט אִיז גִיוֶוען זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזִינְד מַאנְס פַּרְשׁוֹן פוּן צְוַואנְצִיג יָאר אוּן וַוייטֶער [אוּן חוּץ וַוייבֶּער אוּן יוּנְגֶע בִּיז צְוַואנְצִיג יָאר] אוּנ זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע לַייט גְרֶעסֶר פַאר נְבִיאִים זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען אָפֶּען בַּארְג סִינַי אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֵיין גִיזֶעהֶן וִויא גָאט ב"ה אִיז צוּ זֵיי אַנְפְּלֶעקְט גִיוָוארִין אוּן הָאט מִיט אַלֶעמֶען גִירֶעט פָּנִים בְּפָנִים. אוּן עֶר הָאט זֵיי פַאר זָאגְט אוֹיף דֶער תּוֹרָה מִיר זָאלִין אִיר מְקַיֵים זַיין וָוארוּם זִיא אִיז אוּנְזֶער לֶעבֶּן אוּן אַז מִיר וֶועלֶן אִיר פָאלְגִין וֶועלִין מִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלִין חָלִילָה עוֹבֵר זַיין וֶועט זַיין בִּיטֶער אוּנְזֶער סוֹף ח"ו וָוארוּם גָאט אִיז נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים אוּן נֶעמְט נִיט קֵיין שׁוֹחַד. אוּן מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן דִיא רֵיינֶע אֱמוּנָה אִיז גִיוֶוען גִיהִיט אַלֶע חוּקִים פוּן דִיא תּוֹרָה אוּן אַלֶע מִצְוֹת אַ דוֹר נָאךְ אַדוֹר בִּיז הַיינְטִיגִין לֶעצְטִין דוֹר. נָאר אִיצְטֶער בעוה"ר זֶענֶען אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פַאלְשֶׁע מֶענְטְשֶׁען וָואס זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ פַאר שְׁפְּרֵייטִין אַפִּיקוֹרְסֶעשֶׁע בִּיכְלַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אָפּ צוּ לַאזִין פוּן דִיא מִצְוֹת פוּן דִיא הַיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז קַאלְט גִיוָוארִין בַּיי דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין זֵיי גְלוֹיבִּין צוּ דִי אַלֶע שְׁטוּתִים פוּן דִי בִּיכֶעלַאךְ אַקוּרַאט וִויא דָאס וָואלְט גִיוֶוען עֶפֶּעס אֶרֶעכְטִין. אוּנ זֵייא פַאר גֶעסִין אַז אוּנְזֶער תּוֹרָה חוּץ וָואס זִיא אִיז בַּיי אוּנְז מוּסְכָּם פוּן וִויא פִיל צֶענְדְלִיגֶע דוֹרוֹת וָואס פַאר אוּנְז וְדְהַיְינוּ

דורות

דורות שלפנינו [דורות של הגאונים הראשונים הרמב"ם וכל חכמי דורות שלפניו דורות של רבנן סבוראי דורות של אמוראים דורות של תנאים דורות של אנשי כנסת הגדולה דורות של נביאים דורות של הזקנים והשופטים הראשונים כמו פנחס ועלי וכדומה ובכל דור ודור היו כמה אלפים חכמים ונבונים אשר כולם נתנו נפשם לקיום התורה חוקותיה ומשפטיה] היא עוד מוסכמת ומפורסמת לכל העולם בכל אומה ולשון מקצהו ועד קצהו, שכולם מאמינים במה שכתוב בה שהקב"ה ירד משמי שמים העליונים על הר סיני ונתן לנו התורה וכרת עמנו ברית ע"ז [כמו שכתוב בפרשה נצבים ואמרו כל הגוים על מה עשה ד' ככה וגו' ואמרו על אשר עזבו את ברית ד' אלקי אבותם אשר כרת עמם וגו'] וכמה מאות העתקות יש מתורתנו הקדושה שהעתיקוהו כל אומה ולשון לעצמם. ולפלא הוא איך נמצא פתיות כזה שבשביל לעג איזה כסילים. אנשים שפלים. בעלי תאוה. אשר רק לשונם אתם. לדחות עבורם דברי אלקי השמים והארץ המסורה לנו מאבותינו קדושי עליון חכמים ונבונים צדיקים והסידים. דור דור. ואיך לא תכסה בושה פנינו אשר אבותינו מסרו נפשם להריגה ולשרפה על קיום תורתנו הקדושה ועל כל חוק ממנה נשפך כמים דמי אלפי רבבות מישראל כדאיתא במדרש פרשה אמור מה לך יוצא ליסקל על שמלתי את בני מה לך יוצא לישרף על ששמרתי השבת מה לך יוצא ליהרג על שאכלתי מצה מה לך לוקה בפרגל על שעשיתי סוכה. על שנטלתי לולב. על שהנחתי תפילין. על שהטלתי תכלת. על שעשיתי רצון אבא שבשמים הה"ד ואומר אליו מה המכות האלה וגו' מכות האלה גרמו לי להאהב לאבי שבשמים עכ"ל

המדרש

---

דורות פון דיא ערשטע גאונים דער רמב"ם. און אלע חכמים וואס פאר איהם דורות פון די היילגע אמוראים וואס דער קלענסטער פון זייא האט געקענט מחיה מתים זיין נאך פריער דורות פון דיא היילגע תנאים נאך פריער דורות פון כנסת הגדולה נאך פריער דורות פון נביאים נאך פריער דורות פון דיא זקנים ושופטים כמו עס איז געוועזן עלי הכהן און פנחס און אין איטליכם דור איז געוועזן ווי פיל טויזנד חכמים ונבונים וואס אלע האבן גאר זייערע כחות געלייגט מיטען גאנצען נפש פון קיום התורה וועגין] חוץ דעם איז אונזער היילגע תורה מוסכם ומפורסם ביי דיא גאנצע וועלט ביי אלע אומות אלע זענען מאמין וויא עס שטייט אין איר אז גאט ב"ה איז אראפ גינידערט פון הימל אפען בארג סיני אונ האט אונז גיגעבין דיא תורה און האט מיט אונז כורת ברית גיוועזן וויא עס שטייט אין פרשה נצבים ואמרו כל הגוים על מה עשה ד' ככה וגו' ואמרו על אשר עזבו את ברית ד' אלהי אבותם אשר כרת עמם וגו'] און ווי פיל הונדערט איבער זעצונג איז פאראן פון אונזער היילגע תורה וואס אלע אומות האבין איר איבער גיזעצט אויף זייער שפראך און אלע מלכים זענען איר מחבב. עס איז אגרוים וואנדער ווא גיפינט זיך אזא זאך אז מיא זאל מדחה זיין פון צו מקיים זיין דיא רייד פון דיא היילגע תורה מחמת מאמר וועט מען לאכען פון זיי ווער זענען דיא לאכער, שוטים, נידריגע מענטשין, בעלי תאוה, פיאניצעס וועט דער גאנצער רעיון ליגט ביי זיי מער ניט וויא צו דער פילען די תאוה די חמדה וום די אויג זעהט זיי האבין מעהר ניט וויא אברייטין צונג צוא זיין אבת לצים, ווא נעמט דס דער שכל אז איבער אזעלכע פושצאקעס זאל מען מדחה זיין דיא רייד פון גאט דער באשעפער פון דיא הימל מיט דיא ערד וואס דיא תורה איז איבער גיענטפערט גיווארין צו אונז פון אונזערע עלטערן וואס זענען גיוועזן היילגע מענטשין ניט קיין בעלי תאות ח"ו, חכמים ונבונים ניט קיין טיפשים וויא דיא כת לצנים, ווי זאלין מיר זיך ניט שעמען אזאך וואס אונזערע עלטערין האבין זיך מוסר נפש גיוועזן צו לאזין זיך הרגענען אונ פאר ברענען פון איטליכע מצוה פון דער תורה און אויף איטליכען חוק פון איר איזט פאר גאסין גיווארין בלוט וויא וואסער פון וויא פיל צעהנדליגע טויזנד אידין וויא עס שטייט אין מדרש פרשה אמור. נמיא פרעגט א אידין (אין פאר צייטיגע דורות) פאר וואס פירט מען דיר פאר שטייניגען פאר וום איך האב גימאהלט מיין קינד, פאר וום גייסטו פאר ברענט ווערין פאר וואס איך האב געהיט שבת, פאר וום גייסטו גיהרגת ווערען ווייל איך האב גינגעבין מצה, פאר וום קריגסטו קניטעס ווייל איך האב געמאכט אסוכה, ווייל איך האב גענומען איין לולב ואתרוג אום סוכות, ווייל איך האב געלייגט תפילין, ווייל איך האב איין גימאכט ציצית, ווייל איך האב גיטאן דעם רצון פון טאטין וום אין הימל. און דאס שטייט אין

פסוק

המדרש וכן בהרבה דורות אחריהם כידוע ומפורסם לכל והורישוה לנו בדמי חייהם את דת אל שלמה ותמימה בכל חוקותיה ומשפטיה ועתה בדור הזה אשר בחסד הש"י אנו חוסים תחת מלכי חסד ואין לנו שום מציקים ומפריעים משמירת דתינו איך לא יבושו האנשים האלה מעצמם שבשביל איזר תאות נקלים אשר הם כלים ונפסדים ישביתו בשאט נפש את קדושת תוה"ק אשר היא חיי נפשותינו לנצח נצחים כדכתיב כי היא חייך ואורך ימיך וגו'. וכפרט בענין הפרצה הזאת של איסור נדה שקודם שספרה ימיה הנקיים וטבלה במקוה של ארבעים סאה יש עליה ועל בעלה עונש כרת איך מתפתין עצמן להכנס בסכנה גדולה כזו אין זאת אלא מתחבולות היצה"ר להכרית נפשן מארץ החיים כמו שכתוב צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו וגו'. ועי"כ אחי חוסו נא על נפשכם ועל נפש זרעכם והאמינו בד' ובתורתו ובדברי עבדיו הנביאים והחכמים והתנהגו עצמכם לשמור עצמכם מעון החמור הזה וייטב לכם בזה ובבא:

## פרק ב

### בו יבואר סיבת ההתרשלות מפני רפיון אמונה בהשגחה:

הנה יש שנכשלין בעון הגדול הזה מפני רפיון אמונה בהשגחת העליון ית' וכבר צוח הנביא [ישעי' כט] ע"ז הוי המעמיקים מד' לסתיר עצה והיה במחשך מעשיהם ויאמרו מי רואנו ומי יודענו הפככם אם כחומר היוצר יחשב וגו' וכתיב

תהלים

---

פסוק ואומר אליו מה המכות האלה וגו' איז די טייטש ער פרעגט אים וואס איז דאס פאר קלעפ, ענטפערט דר יוד אשר הוכתי בית מאהבי. איז דער טייטש דיא קלעפ האב איך געקריגען אין דיא הויז וואס זייא מאכין איין אהבה פון הקב"ה צו אונז וויא דיא גמרא ברייננגט אז דער וואס איז זיך מוסר נפש פון גאטס וועגין קען ניט שטיין אין זייער מחיצה קיין שום בריה און אזוי איז געוועזין אין די דורות וואס נאך דעם זמן פון מדרש ווי עס איז מפורסם פאר אלעמען און איצטער אין דעם דור וואס בחסד הש"י בעשיצען מיר זיך אונטער מלכי חסד און מיר האבין ניט קיין שום שטערער חלילה וואס זאל אונז גיימען מבטל זיין דיא תורה וויא זאל מען זיך אליין ניט שעמען אז איבער אנארישע תאוה וואס זיא איז גאר נישט מיט גאר נישט זאל מען מיט מוטוויליקייט (במזיד) פר שטערען די היילינע תורה וואס זיא איז דער לעבין פון אונזער נפש אויף אייביג וויא עס שטייט אין דער תורה כי היא חייך וגו'. און בפרט אין דיא פרצה פון איסור נדה וואס איידער זיא ציילט אירע ריינע טעג און זיא איז זיך טובל אין איין מקוה איז דא אויף איר מיט איר מאן דער עונש פון כרת וויא לאזען זייא זיך איין ריידין אונ אריין קריכען אין אזוי א סכנה, דאס איז מעהר ניט וויא דיא תחבולות פון יצה"ר וואס ער וויל פאר שניידען זייער נפש אויף אייביג וויא עס שטייט אין פסוק צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו וגו' איז דער טייטש דער יצה"ר קוקט אויף דעם ארינטליכען מענטשען און רעכט אים אן צוא עבירות כדי ער זאל נאכדעם קענען אויף אים מקטרג זיין צו טייטען אים, על כן ליבע ברידער האט רחמנות אויף אייער נפש און אויף דעם נפש פון אייער קינדער לאך, און גלייבט אין דעם אייבערשטינס רייד וואס שטייט אין זיין תורה און אין די רייד פון זיינע נביאים און דיא רייד פון דיא היילינע תנאים ואמוראים און גיוויינט זיך איין צו היטען זיך פון דעם ביטערען עון דער פאר וועט אייך גוט זיין בזה ובבא:

## פרק ב

און עס איז דא וואס ווערען נכשל אין דעם גרוסין עון ביי זיי איז שלאף דיא אמונה אין השגחת הש"י זייא מיינען ח"ו אז גאט ב"ה גיט ניט אכטונג. האט שון לאנג דער נביא ישעיה געשריגען הוי המעמיקים מד' לסתיר עצה והיה במחשך מעשיהם ויאמרו מי רואנו ומי יודענו הפככם אם כחומר היוצר יחשב וגו' דער טייטש ווייא געשריגען די מענטשען וואס טיפען און טראכטען עצות צו פאר באהלגען זיך פון גאט און זייערע מעשים טוען זיי אין דער פינצטער און זייא קלערען ווער זעהט אונז וועהר ווייס אונז זעהט אבער אייער פאר קערטין שכל אקוראט וויא דער טעפער וואס מאכט דיא טעפ ווייס דאך בוודאי וואס אין טאפ טוט זיך אזוי גאט ב"ה וואס ער האט בעשאפען אלץ ווייס ער דאך גיווים וואס מוהם

זיך

(תהלים צד) עד מתי רשעים ד' עד מתי רשעים יעלזו וגו' ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלקי יעקב אבל כמה נואלו האנשים האלה כמו שמסיים הכתוב בינו בוערים בעם וכסילים מתי תשכילו הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט ובאמת ענין ההשגחה מבואר ומפורש בכל התורה וע"ז בנוי עיקר התורה ולתכלית זה היה ענין יציאת מצרים שנצטוינו לזכור בכל יום כדי לדעת שהקב"ה משגיח בעולמו כמש"כ למען תדע כי אני ד' בקרב הארץ וכן נאמר בפ' ואתחנן וידעת היום והשבות אל לבבך כי ד' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד וביאורו שלבד שברא את השמים והארץ וכל אשר בם הוא משגיח עליהם והוא לבדו בעל הכח שלהם להנהיגם כרצונו ואין שום כח ח"ו זולתו כי הוא המחיה את כולם בכל רגע ורגע כמש"כ ואתה מחיה את כולם וזהו ג"כ כוונת הכתוב הנ"ל הנוטע אוזן הלא ישמע פי' כיון שבכל רגע ורגע הוא הנותן כח השמיעה לאדם (שלא אמר נטע אוזן כ"א נוטע) איך יחשבו שהוא לא ישמיע דבריהם וכן אם יוצר עין ר"ל שבכל רגע ורגע משפיע בהאדם כח הראות שיוכל לראות למרחוק איך יחשבו שהוא אינו רואה מעשיהם ועוד כמה כתובים מפורשים בתהלים. משמים הביט ד' ראה את כל בני האדם ממכון שבתו השגיח אל כל יושבי הארץ היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם. וכתיב עוד מי כד' אלקינו המגביהי לשבת המשפילי לראות בשמים ובארץ. וכתיב עוד אם יסתר איש במסתרים ואנו לא אראנו נאום ד' הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאום ד'. וא"כ איך יעיז האדם לעבור על עון חמור כזה נגד הקב"ה שרואה במעשיו והלא עליו לזהור כי בכל

---

זִיךְ אִין אַלֶע ווינְקֶלֶען אוּן וָוס אִין דִיא חֲדָרִים פוּן אַייֶער הַארְצֶען אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין (תהלים צד) עד מתי רשעים יעלוזו וגו' ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב וגו' בינו בוערים בעם וגו' הנוטע אזן הלא ישמע וגו'. דֶער טַייטְשׁ אִיז בִּיז וואנֶענְט וֶועלִין זִיךְ דִיא רְשָׁעִים פְרֵייעֶן זַיי זָאגֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהְט נִיט אִיר נַארִין וֶוען וֶועט אִיר שׁוין קְלוּג וֶוערֶען דֶער וָואס מַאכְט דֶעם אוֹעֶר פַארִין מֶענְטְשִׁין אַז עֶר זָאל קֶענֶען הֶערִין הֶערְט עֶר דָאךְ אַוַודַאי אַז עֶר גִיט אַכֹּחַ פוּן זֶעהְן דֶעם מֶענְטְשֶׁען עֶר זָאל קֶענֶען זֶעהְן זֶעהְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גִיוִויס, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דֶער עִנְיָן פוּן הַשְׁגָחָה שְׁטֵייט מְפוֹרָשׁ אִין גַאנְץ תּוֹרָה אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גִיבּוֹיעֶט דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן אוֹיף דֶעם תַּכְלִית אִיז גִיוֶועֶן דֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם וָואס מִיר זֶענֶען פַאר זָאגְט גִיוָוארֶען אַז מִיר זָאלֶען דָאס דֶער מַאנֶען אַלֶע טָאג כְּדֵי מִיר זָאלֶען דֶער פוּן ווִיסֶען אַז גָאט ב"ה גִיט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶער וֶועלְט וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק למען תדע כי אני ד' בקרב הארץ אוּן עֶס אִיז פַארַאן נָאךְ אַפָּסוּק וידעת היום והשבות אל לבבך כי ד' הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד. דֶער פְּשַׁט אִיז חוּץ דֶעם וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפֶען דִיא הִימֶעל מִיט דִיא עֶרְד אוּן וָואס אִין זֵייא גִיפִינְט זִיךְ גִיט עֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייא אוּן עֶר אַלֵיין אִיז דֶער עֶצֶם בַּעַל כֹּחַ פוּן זֵיי צוּ פִירֶען זֵיי ווִי זַיין הֵיילִיגֶער רָצוֹן אִיז אוּן עֶס אִיז נִיטָא כֹּחַ חוּץ אִים וָוארוּם עֶר אִיז זֵיי מְחַיֶה אִין אִיטְלִיכֶע רֶגַע ווִיא מִיר זָאגֶען אַלֶע טָאג וְאַתָּה מְחַיֶה אֶת כּוּלָּם אוּן דָאס אִיז דִיא כַּוָּנָה פוּן דֶעם פָּסוּק הנוטע אזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט דְהַיְינוּ וִויא בַּאלְד אַז אִין אִיטְלִיכֶע רֶגַע גִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעם כֹּחַ הַשְׁמִיעָה (פוּן הֶערוּנְג) דֶעם מֶענְטְשִׁין אָט וִויא אַזוֹי קֶען מֶען מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיךְ ווִי בַּאלְד אַז גָאט גִיט בְּכָל רֶגַע דֶעם כֹּחַ הָרְאִיָה דֶעם מֶענְטְשִׁין זֶעהְט עֶר דָאךְ גִיוִויס. אוּן עֶס אִיז פַארַאן נָאךְ פְּסוּקִים מְפוֹרָשִׁים מי כד' אלהינו המגביהי לשבת המשפילי לראות בשמים ובארץ דֶער טַייטְשׁ וֶוער אִיז וִויא גָאט אוּנְזֶער גָאט וָוס עֶר זִיצְט אַזוֹי הוֹיךְ פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז עֶר זִיךְ מַשְׁפִּיל אוּנ קוּקְט וָואס טוּט זִיךְ אָפֶּען הִימֶעל אוּן אוֹיף דִיא עֶרְד. אוּן נָאךְ אַפָּסוּק משמים הביט וגו' ממכון שבתו השגיח וגו' דֶער טַייטְשׁ פוּן הִימֶעל קוּקְט גָאט אוֹיף אַלֶע מֶענְטְשֶׁען פוּן דֶער וֶועלְט עֶר גִיט אַכְטוּנְג אוֹיף אַלֶעמֶען וָואס עֶר בַּאשַׁאפְט אַלֶעמֶענְס הֶערְצֶער וָואס עֶר פַאר שְׁטֵייט זֵייעֶרֶע אַלֶע מַעֲשִׂים. אוּן נָאךְ אַפָּסוּק אם יסתר איש וגו' הלא את השמים וגו'. אִיז דֶער טַייטְשׁ גָאט זָאגְט אִיז דֶען אַסְבָרָא אַמֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ בַּהַאלְטֶן אִין בַּהֶעלְטֶענֶשׁ אוּן אִיךְ וֶועל אִים נִיט זֶעהְן אִיךְ בִּין זִיךְ פוּל דִי הִימֶעל מִיט דִיא גַאנְצֶע עֶרְד הַיינְט אַז יָא אַזוֹי וִויא אַזוֹי קֶען דֶר מֶענְטְשׁ הָאבִּין אַזוֹי אֵיין עַזּוּת עוֹבֵר צוּא זַיין אוֹיף אַזוֹי אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַנְטְקֶעגִין הקב"ה וָואס עֶר זֶעהְט זַיינֶע מעשים

בכל עת ועת צריך הוא לחסדי השי"ת שייטיב עמדו לתת לו חיים ובריאות לו ולאשתו ובניו ולתת להם מזון ופרנסה ולשמור אותם מכל פגע ואסון כי מה נחשב כח וחכמת האיש בלא עזר מד' כמש"כ וזכרת את ד' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל ותרגום דיהיב לך עצה למקני נכסין. ויתבונן בנפשו פן ח"ו יחלה אחד מבניו או מקרה אחרת שיקרהו וישוב לבקש ולהתחנן מהקב"ה שיעזרנו ובאיזה פנים יבקש אם העיז כ"כ נגד רצונו ית' לעבור בשאט נפש עון החמור הזה. וגם ידע האדם כי עיני ד' משוטטות בכל הארץ ועתיד לגלות נבלותם וחרפתם לעיני הכל בעוה"ז ובפרט בעוה"ב כמשה"כ אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ד' וגו' ואחז"ל אל תקרי אראנו אלא אַראנו וכתיב בקהלת סוף דבר הכל נשמע את אלקים ירא ואת מצותיו שמור וגו' ואיתא שם בתרגום ע"ז סוף פתגם דאתעביד בעלמא בצינעה כולא עתיד לאיתפרסמא ולאישתמע לכל בני אנשא בגין כך ית מימרא דה' הוי דחיל וית פקודי הוי נטיר דלא למיחב בסיתרא וכו'. וכמה בזיון וכלימה יסבול כאשר יתפרסם קלונו לפני כל העולם שטימא את עצמו בטומאת נדה החמורה בשאט נפש. מלבד העונש המר אשר יקבל בגיהנם עבור כל פעם ופעם שהי' עם אשתו בנדותה, וכן היא כיו"ב שהעונש הזה הוא *) על שניהן בשוה כמש"כ ונכרתו הנפשות העושות וכדלקמיה ואשרי למי שמתבונן בחייו שהקב"ה רואה את מעשי בני האדם

---

מעשים ער דארף דאך וויסען אז אין אלע צייטין וועט ער דארפען אנקומען צו הקב"ה ער זאל מיט אים מטיב זיין געבין אים לעבין און געזונד אים מיט זיין ווייב מיט זיינע קינדערלאך און געבין אים פרנסה און אוים היטען אים פון אלע סיבות ווארום וואס איז גיזונאצעט דעם מענטשינס כחות דעם מענטשינס חכמה אויב גאט ב"ה וועט אים ניט וועלין העלפען וויא עס שטייט אין דער תורה וזכרת את ד' אלהיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל איז דער טייטש זאלסט גידיינקען גאט ווארום ער גיט דיר כח און דעת צו קריגען נכסים נם דארף ער זיך בערעכענען טאמער ח"ו וועט ער קראנק אדער איין אנדער סיבה וואס עס וועט אים טרעפען און ער וועט מוזען קומען צו הקב"ה ער זאל אים העלפען מיט וואס פאר אצורה וועט ער קענען קומען צו גאט אז ער ווייס ביי זיך אז מיט מוטוויליקייט האט ער עובר גיוועהן אזוי איין הארבע עבירה, גם דארף ער וויסען אז דעם אייבערשטינס השגחה איז אין אלע ווינקעלאך פון דער וועלט וויא עס שטייט עיני ד' המה משוטטות בכל הארץ און ער איז אן ניבריים מגלה זיין זייער עבירה פאר אלעמען בעולם הבא (און אפט מאל גם בעוה"ז) וויא עס שטייט בקהלת סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור וגו' טייטשט דער תרגום אלע טואכטץ וואס עס ווערט גיטאן אין דער וועלט בעהאלטענע רייד וועט אלץ נתפרסם ווערין און אלע מענטשין וועלין דר פון וויסען דעריבער זאלסטו מורא האבין פאר גאט און זיינע מצות זאלסטו היטען. היינט וויפיל בזיון וועט דר מענטש ליידין אז עס וועט נתפרסם ווערין זיין שאנדע פאר דיא גאנצע וועלט בעת תחית המתים אז ער האט זיך מטמא גיוועז בטומאת נדה מיט מוטוויליקייט און דם א"ז חוץ דעם ביטערען עונש וואס ער וועט מקבל זיין אין גהינם פאר איטליכם מאהל בעזונדער וואס ער האט גילעבט מיט איר בשעת זיא איז גיוועז אנדה און זיא וועט אויך ליידין דאס גלייכען ווארום דער עונש איז אוף ביידע גלייך וויא עס שטייט ונכרתו הנפשות העושות איז דער טייטש ביידע נפשות וועלין פאר שניטען ווערען דיא וואס האבען גיטאן דיא עבירה און וואל איז דעם מענטשין דער וואס בערעכינט אז דער אייבערשטער זעהט די מעשים פון מענטשין וויא עס שטייט אין פרק זאלסט

---

*) וכדאיתא כעין זה בתנא דבי אליהו זוטא פי"ז וז"ל אמר ר' יוחנן בן זכאי פ"א היית מהלך בדרך ומצאתי אדם אחד שהוא היה מלקט עצים ודיברתי עמו ולא החזיר לי דבר ואח"כ היה בא אלי וא"ל רבי מת אני. ולא חי אמרתי לו אם מת אתה עצים הללו למה לך ואמר לי רבי האזין לי מה שאומר לך ד"א כשהייתי חי אני וחכידי היינו עוסקין בעבירה בפלטרין שלי וכשבאנו לכאן גזרו עלינו גז"ד של שריפה כשאני מלקט עצים שורפין את חבירי וכשהוא מלקט עצים אז שורפין אותי וא"ל דינכם עד מתי ואמר לי כשבאתי לכאן הנחתי אשתי מעוברת ויודע אני שוכר הוא מעוברת לכן בבקשה ממך .הוי זהיר בו משעה שיהיה נולד עד שיהיה בן חמש שנים תוליך אותו לבית רבו למקרא כי בשעה שהוא יאמר ברכו את ד' המבורך אז יהי' מעלין אותי מדינה של גיהנם עכ"ל ובענינינו נמי נדון כ"א בגיהנם בסיועת חבירו ;

האדם וכמו דאיתא באבות דע מה למעלה ממך עין רואה ואוזן שומעת וכו'. ויפרוש עי"ז מכל עוז וייטב לו בזה ובבא:

# פרק ג.

## בו יבואר סיבת ההתרשלות מחסרון ידיעה:

ויש שנכשלים בעון הגדול הזה מפני חסרון ידיעה שאינם יודעים את חומר העון שאלו היו יודעים את חומר איסורו כמו שהוא לא היה מפקיר א"ע לעשות זאת ואען ואומר. כמה חמור הוא העון הזה שיש עליו לאו מפורש בתורה וגם עונש כרת דכתיב בפרשה אחרי ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב לגלות ערותה וכתיב בסוף הפרשה כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם [והיינו שגם האשה נכרתת עבור זה] ונשנה הדבר הזה בפרשה כמה פעמים שהוא תועבה ומטמא הארץ ומטמא הנפש ונשנה הדבר עוד בפר' קדושים ואיש אשר ישכב את אשה וגו' ונכרתו שניה' מקרב עמם. ועון זה חמור הרבה יותר מאכילת בשר החזיר ששם הוא רק לאו בעלמא וכאן יש ע"ז גם עונש כרת שנכרת נפשו מארץ החיים שמת כשהוא בן חמשים לכל היותר וגם זרעו נכרת [ואפילו אם עשה עבירה זו כשהוא זקן ואין לו בנים אל יחשוב בנפשו שלום יהיה לי כי כבר זקנתי ושבתי אחד שלא נפטר עדיין מכרת דיומי כדאיתא במס' מועד קטן ועוד כי ידוע שכל איש ישראל כשזוכה שתשוב נפשו אל האלקים כדכתי'. והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה מקום משכנה היא למעלה בשמי מרומים אצל כסא כבודו ית' (כדאיתא בשבת דף קנ"ג) ומתענגת שם מזיו הדר שכינתו ית' ושם הוא מקור ההוד והשמחה והתענוג כמו שנאמר הוד והדר לפניו עוז וחדוה

---

זאלסט וויסען וואס איבער דיר טוט זיך פון הימל זעהט מען און מיא הערט און אלע דיינע מעשים ווערט אלין פאר שריבען אין ספר הזכרון. און דורך דעם וועט ער זיך אפ שיידין פון עבירות וועט אים זיין גוט אין דער וועלט און יענע וועלט:

## פרק ג

און אנדערע ווערין נכשל אין דעם עון מחמת זיי ווייסען ניט דיא הארבקייט פון דיא עבירה ווארום אז ער וואלט וויסען וואלט ער זיך ניט מפקיר גיוועזן צו טאן דאס. על כן מוזען מיר אביסעל ארום ריידין ווי הארב איז דער עון עס איז אויף דעם פאראן בפירוש איין לאו אין דער תורה און כרת אויך עס שטייט אין דער פרשה אחרי מות ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב לגלות ערותה איז דער טייטש צו איין אשה אין דער צייט ווס זיא איז א נדה טארסטו מיט איר ניט זיין און עס שטייט אין סוף פרשה כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם איז דער טייטש ווער עס וועט טאן פון דיא אומווירדיקע זאכען וועט פר שניטען ווערין ביידע נפשות (היינו זיינע מיט אירע) און דאס ווערט איבער גיחזרט אין דער פרשה ווי פיל מאל אז דאס איז איין אומווערדיקע זאך און דאס איז מטמא דעם נפש און אין פרשה קדושים ווערט ווייטער איבער גיחזרת אז דער וואס וועט זיין ביי איין אשה נדה וועלין זיא ביידע פאר שניטען ווערין פון זייער פאלק. און די עבירה איז נאך גרעסער וויא אייגער עסט בשר חזיר ווארום דארטין איז מעהר ניט וויא איין לאו און דא איז אלאו מיט כרת זיין נפש ווערט אפ גישניטען פון לעבין ער לעבט ניט מער וויא פופציג יאר און זיינע קינדער צו שטארבין אויך [און אפילו אז ער האט גיטאן דיא עבירה ווען ער איז שוין גיוועזן איין אלטער מאן און ער האט קיין קינדער אויך ניט זאל ער ניט קלערען ביי זיך וס קען מען מיר טאן איך בין דאך שוין אלט זעכציג יאהר דם ערשטע קען דער איבערשטער אים צו חאפין אין מיטען מיט אפלוצלינגע מיתה דאס אנדערע עס איז דאך ידוע אז איטליכער איד בשעת דיא נשמה קערט זיך אום קריק צו גאט איז דער ארט אירער אין הימעל לעבין דעם היליגען כסא הכבוד (וויא דיא גמרא שבת קנ"ג ווייזט דאס אויף פון אפסוק) און דארטין האבין זיי דעם גרעסטין סארט תענוג זיי זענען דארטען לעבין דעם כבוד פון הקב"ה וואס דארטין איז דיא גרעסטע שמחה און דיא גרעסטע ליכטיגקייט וויא עס שטייט אין פסוק הוד והדר לפניו עוז וחדוה במקומו דער טייטש איז דיא ליכטיגקייט און דיא שיינהייט איז לעבין הקב"ה דיא אמת'ע

זחדוה במקומו וע"ז נאמר במקרא והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ד' אלהיך. והיינו ששם נדבק נפשו בד' שהוא מקור החיים לכל חי וחי לנצח ברוב עוז וחדוה. וזהו לכל כלל ישראל שהולכים בדרך התורה אבל מי שסר מד' ועובר במזיד על עון שמתחייב עליו כרת נכרת נפשו ממקור החיים וכמו ענף מן האילן שכל זמן שהוא מחובר להאילן ילכו כל היניקות מן האילן גם בכל ענפיו אבל כשנכרת ממנו תיכף הוא מתחיל להתייבש והוא כלה ונפסד כן הוא הנפש כשנפסק ממקור שרשו נפסק החיות שלו. יתבונן האדם כמה גדול העונש הזה יותר מכל היסורין שימצא בעולם] ומה שרוחצות א"ע באמבטאות (וואנעס) לאו כלום הוא וכל זמן שלא טבלה במקוה כשרה כדין אפילו רחצה בכל מימי שבעולם נדה גמורה היא ע"פ התורה וחייבין שניה' כרת כשמקרב אליה. והנה ידוע שמי שעובר אפילו על סתם ל"ת דאורייתא שיש בה מעשה פסול לעדות ולשבועה מן התורה משום שנקרא בזה רשע תאמר אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס וכמה יתמרמר לב האדם בזכרו שעי"ז שיעבור על עון זה פסלתו התורה לעדות ושבועה והוא נמנה בכלל כת רשעים ויתבונן בנפשו שאלו קרא לו חבירו רשע בינו לבין עצמו שלא הגיע לו עי"ז שום בזיון. אעפ"כ היה יורד עמו לחייו עבור זה. והוא בעצמו ע"י פיתוי יצרו קורא על עצמו שם הזה. וכמה בושה וכלימה יגיע לו לבסוף למעלה כאשר יתפרסם בשם הזה לפני פמליא של מעלה לפני אלפי אלפים ורבי רבבות כתות קדושות כמש"כ סה"ק ובזוה"ק המובא לקמיה דכל עובדין דבר נש נכרזין ומתפרסמין למעלה. וכמה יתמרמר על עצמו אשר בשביל הנאה קלה שנהנה

מעון

---

אמת'ע שטארקייט און אמת'ע פריילינקייט איז אין זיין ארט און אויף דעם שטייט אין פסוק והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ד' אלהיך דער טייטש איז דער נפש זאל זיין באהעפט אין דעם בונד פון לעבין וואו איז דאס לעבין גאט. דער ענין איז דארטין ווערט דער נפש באהעפט לעבין דיא שכינה הקדושה וואס דאס איז דער מקור פון לעבין און ממילא לעבט דער מענטש אייביג מיט גרוס שמחה און מיט דעם גרעסטין תענוג וויא מיר זאגין אין פרק יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העוה"ז אז איין שעה עולם הבא איז דער תענוג גרעסער פאר אלע תענוגים פון דער וועלט דאס איז אבער אלץ פארין כלל ישראל וואס גייען בדרך התורה אבער דער וואס טרעט אפ פון דעם אייבערשטינם וועג און ער איז עובר מוטווילינערהייט אויף איין עבירה וואס קומט פאר איר כרת ווערט אפ גישניטען זיין נפש פון מקור פון לעבין אקוראט וויא איין צווייג פון אבום אז כל זמן ער איז באהעפט צום בוים . יט : לע יניקות פון בוים אין דיא צווייגין אויך אבער אז דר צווייג ווערט פון אים אפ גישניטען תיכף הייבט ער אן צו טריקענען און צום סוף ווערט ער גאר טריקען און ווערט קאליע אזוי דר נפש אז ער ווערט אפ גטאן פון זיין שורש ווערט נפסק זיין חיות, אז דער מענטש וועט בערעכענען וועט ער פאר שטיין אז דאס איז ערגער פאר אלע יסורים שבעולם] און וואס זיי וואשען זיך ארום אין דיא וואנעס איז דאס גאר נישט און כל זמן זיא איז זיך ניט טובל אין אכשערע מקוה כדין זיא קען זיך אפילו וואשין אין אלע וואסערען פון דער וועלט איז זיא נאך אנדה גמורה ע"פ התורה און זיי זענען ביידע חייב כרת אויב ער לעבט מיט איר. גם עס איז דאך ידוע אז דער וואס איז עובר אויף איין לאו (שיש בה מעשה) איז ער פסול עדות צוא זאגען און צו שווערין מן התורה ווארום ער ווערט אן גערופען איין רשע און אין דער תורה שטייט אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס. און וויא פיל דארף דער מענטש טרויערין אז ער זאל זיך דער מאנען אז דורך דעם ווס ער האט גיטאן די עבירה הט אים דיא תורה גיפאסילט לעדות ולשבועה און ער ווערט גיציילט אין די כיתה פון רשעים. און ער זאל זיך בערעכענען אז דער אנדערער וואלט אים רופען רשע אפילו צו ווישען זיך וואלט ער אים וועלין דער פר אוים רייסען און ער אליין דורך דעם איינרעידונג פון יצר הרע רופט ער אויף זיך דעם נאמען וויפיל בזיון וועט ער אמאל האבען אז ער וועט מפורסם ווערין פאר גאנץ פמליא של מעלה וואס דארטען איז פאראן וויפל הונדערט טויזנד מלאכי השרת וויא עס ווערט דער מאנט אין זוהר הקדוש אז אלע פעולות וואס דער מענטש טוט ווערט אום גירופען און עס ווערט אויבין מפורסם פאר אלעמען, און וויפיל וועט ער שטענדיג אויף זיך אליין זיין אין צארין אז איבער איין קליינע הנאה וואס ער הט הנאה גיהאט פון די ביטערע

עבירה

מעון המר שהיה באפשר לו להשיג זה בהיתר ע"י טבילה כדת משה וישראל והוא שמע ליצרו לעשות מעשיהו באיסור יכתב עי"ז לנצח בשם רשע מורד במלכו של עולם. ובכל זכות ועילוי המגיעות לנפשות הקרובות לד' באלפי שנים שם הזה יעולל בעפר קרנו כי יקראו עליו שהוא אינו ראוי לזה שבין הפושעים ומורדים נמנה. וכמה ינהום באחריתו ויאמר אוי לי שבשביל ביזוי המצוה שבזיתי שעה קלה אני נקלה ונבזה עי"ז לנצח נצחים. וכמה יבוש ויכלם האיש הזה בהעלות נשמתו למעלה ויראה נגד עיניו אלפי ריבואות מלאכים קדושים אשר כל אחד גדלו אלפי אלפים פרסאות וזיו אורו מבהיק עד אין שיעור וברוב גדלם וקדושתם הם זעים וחלים לעשות רצון יוצרם באימה ופחד וכשהקב"ה אומר דבר מה תיכף אומר המלאך הנני והוא רץ בכל כחו לעשות רצון קונו והוא בריה קטנה שפילה אפילה מצא עזות בנפשו למרוד בכבוד מלכו של עולם לעבור על אזהרה חמורה כזאת בשאט נפש לאמר אני איני חושש לדבריו אוי ואבוי יהי' לנפשו כאשר ישאלו אותו הוי רשע איך העזת פניך לעבור על דברי מלכו של עולם איך לא זכרת כי בע"כ שוב תשוב לתת דין וחשבון על מעשיך וכל הפעולות הרעות שעשית בעוה"ז עומדות הכן להעיד עליך בעת הדין. ואיתא בזוה"ק פ' נשא ת"ח כל אינון מילין דעביד בר נש בהאי עלמא כולהו זמינין וקיימין לאסהודי ביה ולא איתאבידו מיניה ובשעתה דמפקי ליה לבי קברא כולהו מתעתדי ואזלי קמיה ותלת כרוזי מכרזי חד קמיה וחד מימיניה וחד משמאליה ואמרי דא פלניא דמריד במריה מריד לעילא מריד לתתא מריד באורייתא מריד בפקודי חמו עובדיה חמו מיליה טב ליה

---

עבירה וואס ער האט זיך געקענט פירען וויא אלע אידען מיט טבילה און ער האט צו געהערט דעם יצה"ר צו טאן באיסור זאל ער פאר שריבען ווערין אויבען פאר איין מורד במלך העולם, און אין אלע גליקין וואס קריגען דיא נשמות וואס זענען נאהנט צו גאט אין טויזענטע יארין (ווארום דארטען לעבט דאך דיא נשמה אייביג) איז דער נאמען וועט אים אריין ליינגן שטענדיג אין בלאטע ווארום אלע מלאכים וועלין שרייען אז ער איז ניט ווערט ער איז געציילט צווישען פושעים ומורדים פאר די מעשה. וויפיל וועט ער קרעכצען און וועט זאגין אוי וויי איז צו מיר אז דורך דעם וואס איך האב מבזה געוועזן א מצוה אין א קורצע צייט דער פאר בין איך געבליבען איין אייביגער בזוי. און וויפיל וועט זיך דער מענטש אליין שעמען בשעת זיין נשמה וועט ארויף אפען הימעל און ער וועט דער זעהן צעהנדליגע טויזנד היילגע מלאכים וואס איטליבער איז גרוים וויפיל טויזנד מיילען און דיא ליכטיגקייט לייכט אן א שיעור און פון דעסט וועגין טוען זיי באימה ויראה דעם רצון פון זייער באשעפער און זאגין אלע מיט איין קול קדוש קדוש וכו' און מיא פאזוואלעט זיי נאך אויך ניט אלע טאג איז איין אנדערער זוכה צוא זאגען שירה איין מאהל אין א חודש איין אנדערער איין מאהל אין יאהר א נאנדערער איין מאהל אין א שמיטה און וויא דר אייבערשטר רעט אום איין ווארט ענטפערט דער מלאך הנני דאס הייסט איך בין שוין אן געבריים צו פאלגין און דער קליינער מענדיל א קליינע בריה אפיגעצטערע האט ביי זיך אזוי איין עזות צו מורד זיין אין דעם מלך העולם צו עובר זיין אויף אזא פייערדיגע פאר זאג אקוראט וויא איינער זאגט ח"ו איך בין ניט חושש אויף זיין פאר זאג, אוי וויי וועט זיין צו זיין נפש אז מיא וועט אים פרעגען מיא וועט עפענען דיא ס"ת מיא וועט געפינען די פרשה און מיא וועט הייסען אים לייענען. און דער נאך וועט מען אים פרעגין הוי רשע וויא האסטו גיהאט ביי זיך אזוי איין עזות מורד צו זיין אין דיא רייד פון דעם מלך העולם ווי האסטו זיך ניט דער מאנט אז דו וועסט דאך דארפין אפ געבין דין וחשבון אויף אלע דיינע מעשים וואס דו האסט גיטאן, און אלע דיינע שלעכטע פעולות שטייען צו זאגען אויף דיר עדות בעת הדין. עס שטייט אין זוהר הקדוש פ' נשא אלע זאכן וואס דער מענטש טוט אויף דער וועלט אלע שטייען עדות זאגען אויף אים און איינע ווערט ניט פאר פאלין, און בשעת מיא פירט דעם מענטשן צום בית הקברות גייען זיי זיך אלע אן און גייען פאר אוים, און דרייא כרוזים רופט מען אויס איין כרוז פריער און איינער פון רעכטע האנט און איינער פון לינקע זייט. און שרייען אוים דם איז יענער מיטען נאמען וואס ער האט מורד גיוועזן אן זיין הארין ער האט מורד גיוועזן אויבין ווארום דיא עבירה פער ליינגט הויך) ער האט מורד גיוועזן אונטין ער האט מורד גיוועזן אן דער תורה ער האט מורד גיוועזן אין די

מצוה

ליה דלא אברי עד דמטו לבי קבריה כולהו מיתא אתרגזן מדוכתייהו עליה ואמרי וי וי דדא אתקבר בגוון. וע"כ אשרי לו לאדם השם על לבו כ"ז בימי חייו ואז אשרי לו וטוב לו:

# פרק ד

## עוד בענין זה:

עוד נחסר ידיעה רבה לאנשים האלה והוא חומרת עון הזה שהוא מג' עבירות החמורין מכל איסורין שבתורה שבכל לאוין שבתורה מחויב האיש הישראלי ליתן כל אשר לו ולהשאר עני ואביון ולהתיסר ביסורין ורק שלא לעבור על לאו אחד מן התורה אבל חייו אינו מחויב למסור עבור שום לאו שבתורה אם לא שהמציק מכוין להעביר על דתו והוא בפרהסיא בפני עשרה ישראלים אז מחויב למסור נפשו עבור כל איסור שבתורה אבל בצנעה או שהנכרי מכוין רק להנאת עצמו אינו מחויב למסור חייו עבור כל איסורין שבתורה. לבד אלו השלשה עבירות הוא לעבור ע"ז. או שפיכת דמים. או עריות. על אחד משלשה אלו אם רוצים לאנסו לאיש שיעבור מחויב למסור עצמו למיתה ושלא לעבור ואף אם הוא בצנעה והאנס מכוין רק להנאת עצמו. וע"ז נאמר ונקדשתי בתוך בני ישראל. וידוע דאיסור נדה אפילו היא אשתו הוא בכלל עריות כמפורש בתורה וגמ' ופוסקים. ולאו דוקא על הבעילה לבד אלא אפילו על חיבוק ונישוק של כל העריות או נדה אפ"ה הדין דיהרג ואל יעבור דכל דבר שהוא אסור משום ע"ז וג"ע וש"ד אפילו אין בו מיתה אלא לאו בעלמא מחוייב למסור עצמו למיתה. ובכל זה הוא עובר בלאו דלא תקרבו לגלות ערוה כמבואר בפוסקים. ומזה ימלאו רתת ופחד הפושעים בנפשותם ושוכבים עם נדות ועוברים ברצון נפשם על עבירה חמורה כזה שהדין בזה דצ"יך ליהרג ולא לעבור אפילו אם רוצים לאנסו. ומזה בלבד נוכל להבין היטב עד כמה גדול עונשו של האיש אף אם עבר רק פ"א בימי חייו על העון החמור הזה (ולא עשה תשובה)

שכדאי

---

מצות זעהט זיינע מעשים זעהט זיינע דיבורים גלייכער וואלט געוועזן פאר אים ער וואלט ניט באשאפען געווארען. ביז וואנענט מיא ברייננגט אים צום קבר אלע מתים ווערן צו ציטערט פון זייערע ערטער און זאגין ווייא ווייא אז אזעלכער ווערט מקובר צווישען אונז. ועל כן וואל איז דעם מענטשין וואס ער בערעכינט דם בשעת ער לעבט. און דענצמאהלט איז ער גליקליך אויף אייביג:

## פרק ד

עס פעהלט נאך אגרויסע וויסענשאפט צו דיא דאזיגע מענטשען דהיינו דיא הארבקייט פון דעם עון חארום ער איז איינער פון דיא דרייא הארבסטע עבירות פון גאנץ תורה ווארום ביי אלע עבירות פון דער תורה איז דר מענש מחוייב אפ צו געבין דעם גאנצין אייגינס און ניט טאן צום ביי שפיל אז מיא גייט אמענשין עסין חזיר אדער טרפות אדער איין אנדער עבירה איז ער מחוייב אוועק צו געבין דעם גאנצין אייגינס און אפילו לאזין זיך אנטאן יסורים און ניט עובר זיין אבער ווי איז אז מיא וויל אים הרגנן מעג ער עובר זיין (סיידין אז דם איז בפרהסיא פאר 10 אידין און יענער מיינט אים כדי אראפ פירען פון וועג) אבער דיא דרייא עבירות דהיינו דינען עבודת גילולים אדר הרגנן אמענטשין אדער עובר זיין אויף איינע פון די עריות נדה און דאס גלייכען איז אפילו אז מיא וויל אים הרגנן דארף ער זיך בעסר לאזין הרגנן און ה"ו ניט עובר זיין אפילו אז דאס איז אלץ בהאלטענערהייט און אויף דרוף שטייט אין דער תורה ונקדשתי בתוך בני ישראל איז דער טייטש איך זאל געהייליגט ווערין צווישען אידען, און עס איז בעוואסט אז דער איסור פון נדה אפילו אז זיא איז זייגע אווייב איז זיא אויך אין כלל פון אלע עריות וויא עס שטייט בפירוש אין דער גמרא ופוסקים און ניט דווקא זיין מיט אגדה איז מען מחוייב זיך מוסר נפש זיין אפילו איר נאר מחבק ומנשק זיין איז מען מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין און דם ניט טאן. און דער פון דארפן צו ציטערט ווערין אלע פושעים וום זעגען מזנה מיט אנדה אדער מיט אנדערע עריות אז אפילו אז מיא וואלט אים גייטין דארף ער זיך לאזען הרגנן און ניט טאן זעהט מען דאך ווי די עבירה איז הארב און זיי טוען דם מיט איין אייגענעם רצון, און נאך מעהר דארטען איז דאך אפילו אויף איין מאהל דארף ער זיך מוסר נפש זיין היינט וויא גרויס וועט זיין

דער

שבדאי היה לו למסור נפשו להרינה ולא לעבור. וכ"ש למי שמורגל בזה ועובר הרבה פעמים בימי חייו. ואיתא באבות פ"ב יהוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עברה כנגד הפסדה מזה יראה שצריך האדם להתבונן בפעולותיו ולחשוב עד כמה יגיע ממנו הריוח וההפסד ולפי חשבונו יראה להתדבק בפעולה ההיא או לברוח ממנה. והנה כאשר נתבונן בגודל ההפסד שיגיע לאדם לנצח ע"י העון הזה כשנעשה ח"ו מורגל בו תסמר שערות ראשינו ונברח ממנו כבורח מן האש כי ידוע שכל העובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד וכשהוא מתנהג כן כמה שנים מי יודע כמה מאות ואלפים מקטרגים נבראו על ידן וכל אחד מהן ממתין עליהם לנקום נקמתו מהן לאחר מותן וכמו שכתוב לפתח חטאת רובץ ופירש"י לפתח קברך חטאך שמור. [ופעמים הרבה יפעלו בר"ה לקפח ממנו את חייו או שארי יסורים. ובפרט על האשה ידוע שהרבה פעמים גורם העון שתמות בעת שתשב על המשבר וכמו דאיתא במשנה [שבת פ' ב"מ] על ג' דברים נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות בנדה ובחלה ובהדלקת הנר] והנה אחז"ל [ע"ז י"ט] כל העובר עבירה אחת בעוה"ז מלפפתו והולכת לפניו וכו' ר' אלעזר אומר אף קשורה בו ככלב שנא' וגו' וא"כ האיש והאשה שהרגילו עצמן בזה ונתקבצו להן ע"ז כמה מאות לאוין דאורייתא רעדה תאחוז נפשן בזכרן שכמה מאות מלאכי חבלה לבושין שחורין ומתעטפין שחורין יהיו רצין אחריהן זה יאמר נבראתי ביום פלוני וזה יאמר נבראתי ביום פלוני ואח"כ יוגמר דינם שיהיו מלפפין אותן להוליכן לגיהנם מקום החושך והמר ושם ישפטו אותן [דהם עצמן שופטין ועונשין כל אחד ואחד כפי שנגזר עליו מב"ד העליון וכמו שכתוב תיסרך רעתך ומשובותיך תוכיחוך] ומי יוכל לשער גודל היסורין והצרות שיסבלו אפילו על פ"א שעברו ועל אחת כמה וכמה על כמה מאות פעמים שעברו במשך הימים ואז ינהמו באחריתן ויתמו

---

דער עונש פאַר דעם וואָס טוט דאָס כּמה וכּמה מאָהל און מיט אַ רצון גמור. אין אָבות שטייט דוא זאָלסט בערעכענען דעם היזק וואָס דו האָסט אויף דער וועלט פון דער מצוה אַנטקעגען דעם שׂכר וואָס דו וועסט האָבען אייביג פון איר און צוריק זאָלסטו בערעכענען דעם פאַר דינסט וואָס דו האָסט אויף דער וועלט פון דיא עבירה אַנטקעגען דעם אייביגען היזק וואָס דו וועסט האָבין פון איר היינט אַז מיר זאָלען בערעכענען דעם גודל ההיזק וואָס דער מענטש וועט האָבין דורך דעם עון אוב ער וועט אין דעם איינגעוויינט דאַרף זיך ביי מענטשען אויף שטעלין דיא האָר און ער וועט אַנטלויפען פון דעם וויא איינער אַנטלויפט פון פייער. וואָרום עס איז ידוע אַז דער וואָס טוט איין עבירה קויפט ער. איין קטיגור אויף זיך און אַז ער פירט זיך אַזוי כּמה יאָר ווער ווייס וויפיל הונדערטע טויזענטע מקטרגים איז בּאַשאַפען געוואָרען דורך זייא און איטליכער וואַרט אויף זיי ווען וועט קומען די צייט נעמען פון זייא נקמה וויא עס שטייט אין דער תורה לפתח חטאת רובץ טייטשט רש"י לעבען טיר פון קבר וואַרטען דארין אַלע חטאים נעמען פון אים גיצאָלט נאָך כּמה מאָהל פוילין די מקטרגים אויף אים לעבענדיגערהייט אום ר"ה מיא זאָל אויף אים גוזר זיין אַוועק נעמען פון אים דעם לעבין אָדער אַנדערע יסורים און בּפרט אויף די אשה איז ידוע אַז פיהל מאָהל איז גורם דער עון אַז זיא זאָל שטאַרבען בּשעת זיא זיצט אָפּען בּראָך [שטול] וויא עס שטייט אין דער משנה [שבת לג] די גמרא זאָגט דער וואָס טוט איין עבירה אויף דער וועלט נעמט זיא אים אַרום און זיא טשעפעט זיך אָן אָן אים וויא אַהונט ער קען פון איר ניט אַנטלויפען היינט אַז יוא אַזוי דער מאַנצביל און דיא פרויא וואָס זיי האָבין זיך איין גיוויינט אין די עבירה און דורך דעם איז אויף גיוויס אויף גיקליבען געוואָרען ווי פיל הונדערט לאוין דאַרפען זיי דאָך צו ציטערט ווערין אַז זיי וועלין זיך דער מאָנען אַז וויפיל הונדערט מלאכי חבלה וואָס זענען אָן גיטאָן אין שוואַרצין וועלען נאָך זיי נאָך לויפען דער וועט זאָגען איך בּין באַשאַפען גיוואָרין יענעם טאָג און דער וועט זאָגין איך בּין בּאַשאַפען געוואָרען יענעם און יענעם טאָג און נאָך דעם וועט גיקאַנצעט ווערין אַז זיי זאָלין אים אַלע אַוועק פירען אין גיהנם דער אָרט פון פינצטערנעש און ביטערקייט און דאָרטען וועלען זיי אַליין אים געבין דעם עונש וויפיל עס איז נגזר געוואָרען מב"ד של מעלה. און ווער קען משער זיין די צרות מיט דיא יסורים וואָס זיי וועלין ליידין אַפילו פאַר איין מאָהל היינט כ"ש אויף וויפיל הונדערטע מאָהל וואָס זייא האָבען עובר גיווען אין דער צייט פון זייער לעבין און דערנאָך וועלין זיי ברומען פון צער, און זיי וועלען זיך

ויתמו על נפשן איה היה שכלנו איך הלכנו אחרי יצרנו ולא התבוננו על נפשינו שאנו עתידין ליתן דין וחשבון על הכל ולא זכרנו את יוצרנו שנצטרך לבוא אליו לסוף ימינו ויתודו בעצמן אז על עונותיהן וכמו שאחז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה מלמד שהרשע מתודה כשם שהמצורע מתודה ואומר אני פלוני בן פלוני עברתי עבירה פלונית במקום פלוני ביום פלוני וכו' וגם איתא שם שמצדיקים עליהם אז את דינם ואומרים לפניו רבש"ע יפה דנת יפה חייבת יפה זכית יפה תקנת גיהנם לרשעים וג"ע לצדיקים אבל מה יועיל לו אז כי אין תשובה אלא מחיים. וע"כ המתבונן בכל זה צריך ליזהר מזה העון עד מאוד ויפק רצון מד' הטוב לאור באור החיים:

# פרק ה

## בו יבואר עוד מפיתוי היצר שיש בזה מחמת הפקר:

**והנה** יש שמפתה אותן היצר לאמר הלא לא יחידין אנו בעיר ונמצאו כהיום עוד הרבה המפקידין איסור זה וכמו שיהי' עמהם כן יהי' עמנו אבל תנחומים של הבל ינחם אותם היצר בזה ויש בזה כמה טעמים א) מלמה"ד לאחד שחשדוהו שבין המורדים במלך חלקו ואם חשד שקר הוא עליו להתבונן איך להראות כי אך שקר הדברים אבל האם ישיא עצמו לזכות במשפטו בטענה זו כי הלא איננו יחיד בזה דהלא ישיבוהו תיכף שוטה יש בית אסורים גדול שיכיל בקרבו מקום עבורך ועבור כל המורדים ופושעים במלך כן הדבר הזה הלא מקום הגיהנם ידוע שגדול מאוד שכל העולם כולו הוא אחד מכמה אלפים בגיהנם כמשאחז"ל בפסחים צ"ד ויש בידו לתפוס כמה מאות ואלפים אנשים אשר כל אחד רחוק מחבירו ולא שומע ממנו כלל אלא כל אחד בוכה וצועק אוי ואבוי במקומו. והוא מכיל בתוכו כל הפושעים ומורדים על רצון הש"י. כמה גדול הוא עונש הגיהנם שאמרו חז"ל שכמה מיני אש יש בגיהנם יש בה נחלים כהרים ויש בה נחלים כגבעות ויש בה נחלים כים המלח ויש בה כאבנים גדולות ויש בה נהרות של זפת ושל גפרית מושכין ורותחין

---

זיך אליין וואונדערין אויף זיך וואו איז געוועזין אונזער שכל, וויא אזויא זענען מיר גיגאנגען נאך דעם יצה"ר און מיר האבין ניט בערעכינט אז מיר זענען אן גיברייט צו געבין דין וחשבון פאר דעם האר פון דער וועלט און מיר האבין זיך ניט דער מאנט אן אונזער בשעפער אז מיר וועלין דאך דארפין קומען צו אים בסוף ימינו. און דענצמאהלט וועלין זיי זיך אליין מתודה זיין אויף זייערע עונות ווי די גמרא ברייננט פון אפסוק אז דער רשע איז זיך מתודה אקוראט ווי דער מצורע איז זיך מתודה און ער זאגט איך דער זוהן פון יענעם האב עובר גיוועזין יענע עבירה דעם אין דעם טאג דעם אין דעם ארט. און זיי זענגען אויך זיך מצדיק דעם דין און זיי זאגען רבש"ע דו האסט גוט גימישפעט דעם וואס דו האסט גירעכט גימאכט ביסטו גירעכט און דעם וואס דו האסט פר משפט ביסטו אויך גירעכט דו האסט גוט גימאכט איין גהינם פאר רשעים איין גן עדן פאר צדיקים אבער וואס וועט אים דארטען העלפען דער ווידוי אז תשובה גייט מער ניט אן וויא לעבעדיגערהייט. על כן דער וואס בערעכינט זיך אין די אלע בייד באדף ער זיך פון דעם עון זייער דער ווייטערען דער פאר וועט דער מענטש זוכה זיין צוא לייכטען אים אין דעם לייכטונג פון הקדוש ברוך הוא אויף אייביג:

## פרק ה

והנה עס איז פאר האנדין מענטשין וואס דער יצר הרע רעט זיי אן מיט אנאנדער וועג. מיר זענען דאך ניט קיין איינציגע אין דער זאך פארן אין דער שטאט פיהל וואס זענען מפקיר דעם איסור וואס עס וועט זיין מיט אלעמען אזוי וועט זיין מיט אונז אבער דאס איז אנארישע תנחומים איז זיי דער יצה"ר מנחם און אין דעם איז פאראן וויפיל ביי שפילין. דאס איז גלייך ווי איינער וואס מיא האט אים חושד גיוועזן אז ער האט זיך איין גימישט אין אמאטעז און אויב דאס איז ליגען דארף ער אויף ווייזען אז מיא האט אוף אים אויס גיקלערט אליגן אבער צו איז גאר אקלער אז ער זאל זיך גירעכט מאכין מיט אנייע טענה ער וועט ענטפערען איך בין דאך ניט איין מאטעזניק עס איז פאראן פיהל צוא מיר וועט מען גיווים ענטפערן שוטה דר מלך האט אגרויסען אקתראג עם

ירותחין וכשנגזר דין ח"ו על הרשע לירד לגיהנם הוא מוריד דמעות כ"כ עד שנעשה מזה כמו מעין כמו שאמרו חכמינו ז"ל על הפסוק עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו מלמד שמורידין דמעות כמעין [כי עמק הבכא הוא הגיהנם] והנה ידוע שיש שבעה מדורות בגיהנם ואפילו במדור הראשון האש חזק ששים פעמים יותר מהאש שלנו ובמדור השני ששים פעמים יותר ממדור הראשון וכן בכולם ואיתא בזוהר חדש שהבא על הנדה נידון במדור הששי וא"כ איך יפתה אותך היצר להפקיר נפשך לאבדון ח"ו מפני השוטים הנמצאים בעיר שאינם חוששים על גופם ונשמתם. ב) כתיב קול אומר קרא ואומר מה אקרא כל הבשר חציר וגו' יבש חציר נבל ציץ ודבר אלקינו יקום לעולם והיינו שדברי ד' ית' בתורתו הקדושה לא תתבטל ולא תשתנה חלילה מפני אנשים שוטים שמפקירים אותה כי מה נחשבים המה בני אדם באשר ימיהם עלי חלד קצובים וכציץ השדה כן יציצו על ימים הקצובים אשר ניתן להם ועד מהרה יבלו ואינם ובשביל נבלותם לא תשתנה חלילה דברי אלקים חיים הקיימים לנצח. ג) דבר זה דומה לאחד שהיה מלך בכיפו ויתלקטו איזה פתיים בין התנור והכירים ויאמרו איש לרעהו למה לנו עול המלוכה נפעול בנפשנו שהיא הפקר היה שם פקח אחד ויאמר להם שוטים שבעולם וכי בשביל שאתם

---

נים ווערט אריין געמען איידך אלעמען אהין און אזוי איז דיא נאך אין אונזער ענין אויך. דער ארט פון גהינם איז ידוע אז ער איז זייער גרויס דיא גאנצע וועלט איז קיין טויזנטיל נים פון גהינם (וויא די גמרא זאגט אין פסחים) דיא קען אין זיך אריין געמען וויפל צעהנדליגע טויזנד מענטשין וואס איטליכער איז ווייט פון אנדערען און ער זעהט אים גאר נים נאר איטליכער וויינט און שרייט אויף זיין ארט אוי ואבוי, און ער געמט אין זיך אריין אלע וואס זענען ווידערשפעניג אויף דעם ווילען פון הקב"ה. אונזערע היליגע חכמים האבין אונז דערציילט וואס זיי ווייסין דאס הקבלה פון די הייליגע דורות דיא פריערדיגע דהיינו: יא נביאים אז עס איז אין גהינם דאראן וויפיל ערליי פייערין פאראן אין איר קוילין וואס זענען גרויס וויא גרויסע שטיינער און פאראן גרויס ווי ‎בערג און פאראן גרויס ווי דער ים המלח און פאראן אין איר טייכין פון פעך און פון שוועביל קאכעדיגע און אז עס ווערט נגזר דער דין אויף דעם רשע אז ער זאל גיין חלילה אין גהינם וויינט ער אזו פיל אז עס ווערט דער פון אטיפער קוואל פון טרערין. און דאס איז דאך ידוע אז גם איז פאראן זיבען ערליי גהינם'ס און אפילו אין דעם ערשטין גהינם איז דער פייער שטארקער זעכציג מאהל ווי אונזער פייער און אין דעם אנדערען גהינם איז דער פייער שטארקער זעכציג מאהל ווי דער ערשטער און אזוי גיים ווייטער און אין זוהר חדש שטייט אז דער וואס לעבט מיט אנדה אפילו איין מאהל גאר אויב ער טוט נים אויף דעם קיין תשובה ווערט ער געמשפט אין דעם זעקסטין גהינם הייגט אז יוא אזו ווי אזוי קען דיר דער יצה"ר איין ריידין מפקיר זיין דיין נפש אין אזוי אטיפין אפינצטערן גהינם מחמת דו זעהסט נאך משוגעים אין שטאט וואס זיי זענען אויך נים חושש אויף זייער גוף און אויף זייער נפש. איז דען אסברה אז איינער ווערט אריין גיין אין אמשוגעים הויז און ער ווערט זעהן אלע קלאפין זיך דיא קאפ אן וואנט ווערט ער זיך אויך קלאפין. ב) נאך אראיין וועלין מיר זאגין אין פסוק שטייט אלע מענטשין זענען גלייך וויא גראז דא שפראצט זיא ארויס און זיא וואקסט נאכדעם גייט זיא אראפ און אראפ ביז וואנענד זיא ווערט צו וויאלעט אבער גאט ב"ה זיינע רייד המ אקיום אויף אייביג. די כונה איז זיינע רייד אין דער תורה הקדושה ווערט נים בטל ווערין און נים פארענדערט ווערין איבער דיא דאזיגע שוטים וואס זענען איר מפקיר ווארום וואס פאר זגאצענע האבען מענשלאך נים זייערע טעג אויף דער וועלט זענען אפ געשטעלטע זיי זענען וויא די גראז וואס זיא המ איינציגע צייט וואס זיא גייט ארויף און ארויף אבער נאכדעם גייט זיא צוריק און צוריק ביז וואנענט זיא ווערט פאר פוילט. און איבער די נארעשקייט פון די מענטשען ווערט חלילה נים פאר ענדערט ווערען גאטס רייד וואס זייא האבען אקיום אויף אייביג. ג) נאך איין ביי שפיל דער ענין איז גלייך איינער איז אמאהל געוועזין אמלך איבער אגאנצע וועלט האבין זיך אויף גיקליבען איינגע נארין אונטערין אויבין און האבען גיזאגט איינער צום אנדערין וואס דארפען מיר אויף זיך האבין דעם עול פון מלוכה לאמיר ביי זיך פויעלין אז גם איז הפקר און פריי מיא מעג טאן וואס מיא וויל איז אבער דארטען גיוועזין אקלוגער מענטש

זאגט

שאתם מדמים בנפשכם תעשה הפקר והלא המלך הזה יש לו כמה אלפי אלפים עבדים גבורים ואחד מהם יוכל לקעקע את כל העיר אשר אתם בה וע"כ חדלו ממחשבותיכם הרעות ועבדו מלככם וייטב לכם ואף כאן בענינינו הלא הש"י הוא מלך על כל העולמים ויש לו כמה אלפים רבבות כתות של מלאכי השרת שעומדין תמיד לפני כסא כבודו ית' וכמאמר הכתוב (דניאל ז') אלף אלפים ישמשוניה ורבו רבוון קדמוהי יקומון. וידוע שיש מלאכים שמדתם כמה אלפים פרסאות וסנדלפון הוא גבוה מהלך ת"ק שנה יותר מחביריו [ושנה אחת נחשבת יותר מן ג' אלפים פרסאות כידוע] וכולם חלים וזעים מפניו וברגע אחת כולם מקדשים שמו ית' בכל יום כמו שפירש"י בישעיה על הפסוק וקרא זה אל זה וזהו מה שאנו אומרין בכל יום קדושה כולם כאחד ואיתא בתנא דבי אליהו אשר תצ"ו אלפים רבבות מלאכי השרת אומרים קדוש בכל יום ותצ"ו אומרים ברוך וא"כ איך יפעל האדם בנפשו שציווי הש"י שהוא מלך כל העולמים יהיה הפקר בעיניו מפני שנמצאו איזה שוטים שאינם חסים על נפשותם ופועלים בעצמם לעבור על דבר ד' והרי הם כמו הפתיים הנ"ל אלא צריך לידע ולזכור תמיד מה שאמר הכתוב במלאכי ג' כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עושי רשעה קש וליהט אותם היום הבא וגו' וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה וגו':

# פרק

## בו יבואר סיבת הנכשלים ע"י לעג המתלוצצים:

והנה יש אנשים שבעצמן אינן רעים כ"כ לעבור בשאט נפש על עון החמור הזה ורק מפני שחוששין ללעג חברותיהן הפרוצות הפושעים בנפשותם אבל באמת אין זה טענה כלל. הגע בעצמך אלו היה בא לבית המשתה אשר אנשים רבים קרואים

---

זָאגְט עֶר צוּ זֵיי שׁוֹטִים צוּ אַז מִיר פוילֶען בַּיי זִיךְ וֶוערְט טַאקֵי הֶפְקֵר דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאךְ וִויא פִיל מִילְיָאן קְנֶעכְט גִבּוֹרִים אוּן אַזֶעלְכֶע הֶעלְדִין וָואס אֵיינֶער פוּן זֵייא קֶען אִיבֶּער קֶערִין דִי שְׁטֶעטִיל וָואס אִיר וואוֹנְט אִין אִיר עַל כֵּן נוֹארְפְט אַוֶועק אֵייעֶר נַארִישֶׁע גִידַאנְקֶען אוּן דִינְט אֵייעֶר קֵינִיג וֶועט אַייךְ זַיין גוּט אוּן אַזוֹ אִיז דֶער עִנְיָן דֶער מֶלֶךְ אִיבֶּער אַלֶע עוֹלָמוֹת אִיז גָאט ב"ה אוּן עֶר הָאט וִויפִיל הוּנְדֶערְט טוֹיזִינְט מַלְאָכִים וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג פַאר זַיין הֵיילִיגֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דָנִיאֵל (קַפִּיטִיל ז') אוּן עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט אַז עֶס אִיז פַאראַן מַלְאָכִים, וָואס זֶענֶען וִויפִיל טוֹיזִינְטֶע מַיילִין דִיא גְרוֹיס עֶס אִיז פַאראַן אַיין מַלְאָךְ סנדלפון וָואס עֶר הַאלְט דִיא גְרוֹיס פִינְף הוּנְדֶערְט יָאר גַאנְג גְרֶעסֶער פַאר דִי חֲבֵרִים אוּן אַלֶע צִיטֶערִין פַר הקב"ה אוּן אַלֶע זָאגִין גְלַייךְ קְדוּשָׁה צוּ הקב"ה אוּן וִויא מִיר זָאגִין אַלֶע טָאג אִין דַאוְונֶען קדושה כולם כאחד וגו' ואומרים ביראה קדוש וכו'. אִין סֵפֶר תנא דבי אליהו שְׁטֵייט אַז פִיר הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן נַיינְצִיג טוֹיזִינְט מָאהְל צֶעהְן טוֹיזִינְד זָאגִין אַלֶע טָאג קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ וכו' אוּן נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן נַיינְצִיג טוֹיזִינְד מָאהְל צֶעהְן טוֹיזִינְד זָאגִין תָּמִיד בָּרוּךְ כְּבוֹד ד' מִמְּקוֹמוֹ הַיינְט אִם כֵּן וִוי פוילְט אַמֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ אַז דֶער פַאר זָאג פוּן גָאט וָואס עֶר אִיז דֶער קֵינִיג פוּן אַלֶע וֶועלְטִין זָאל זַיין בַּיי אִים הֶפְקֵר מַחֲמַת עֶס גִיפִינְט זִיךְ אֵיינִיגֶע שׁוֹטִים וָוס זֵיי הָאבִּין קֵיין רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם נֶפֶשׁ אוּן פוילִין בַּיי זִיךְ עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף גָאטְס רֵייד זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ וִוי דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶע נַארֶען אֶלָּא מִיא דַארְף גִידֵיינְקֶען וָוס דֶער לֶעצְטֶער נָבִיא מַלְאָכִי זָאגְט (קַאפִּיטְל ג) אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַטָאג וָואס וֶועט בְּרֶענֶען וִוי אַיין אוֹיבִין אוּנ אַלֶע רְשָׁעִים וֶועלִין זַיין וִוי שְׁטְרוֹיא אוּן עֶס וֶועט זֵייא פַאר סְמַאלֶען עֶס וֶועט פוּן זֵייא נִיט בְּלַייבִּין אֲפִילוּ קֵיין צְוַוייגִיל אָבֶּער דִיא וָואס הָאבִּין מוֹרָא פַאר מַיין נָאמֶען וֶועט אוֹיף זֵיי שַׁיינֶען דִיא זוּן אוּן זִיא וֶועט זֵיי אוֹס הַיילִין מִיט אִירֶע שְׁטְרַאלִין וגו':

## פרק ו

וְהִנֵּה עֶס אִיז פַאר הַאנְדֶען מֶענְטְשִׁין וָואס אַליין זֶענֶען זֵיי גָאר נִיט אַזוֹ שְׁלֶעכְט עוֹבֵר צוּ זַיין בִּכַוָּנָה אוֹיף דֶעם עָוֹן חָמוּר נָאר וַוייל זֵייא זֶענֶען חוֹשֵׁשׁ אוֹיף דִיא חַבֶרְטֶעם דִי פְּרוּצוֹת חֲצוּפוֹת וָואס זֵיי לַאכֶען פוּן זֵיי פַר וָוס זֵיי הִיטֶען טְבִילָה אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גָאר קֵיין טַעֲנָה נִיט. צוּם בַּיי שְׁפִּיל, וִוי וָואלְט גִיוֶוען עֶר וָואלְט קוּמֶען אִין אַשַׁיינְק וָואס פִיהְל מֶענְטְשֶׁען זֶענֶען דָארְטֶען פאר

קרואים שם לאכול ולשתות והוא ראה בעיניו בבית המבשלות איך שניתן ע"י איזה סיבה סם המות בסירות הבשר סם ידוע שבמשך איזה שעות יוביל את אוכליו לבית הקברות ויקרא בקול בבית המבשלות שלא יהינו לתת זה לפני המסובין וצחקו ממנו ולא שמעו אליו וילך לקרא להמסובין חדלו לכם מן המאכל הזה כי בנפשכם הוא מות בסיר הבשר והם אחרי שנשכרו מיינם צחקו לו וילעגו עליו ויאמרו שקר הדבר קום אכול עמנו ראה איך טוב הוא הבשר והמרק למאכל ומתוק לחיך האם ישמע לקולם והאם ישים לב ללעגם לאכול מאכל הערב הזה אשר יודע הוא כי סם המות ניתן בתוכו והאם ירשה עצמו להטעים המאכל הזה לבניו אשר עמדו ואף אם לא ראה בעצמו אך ששמע זאת ממי שהוא אם רק לא שכור הוא כבר יחדל להכנם בסכנה כזו ועתה התבוננו נא אם בדבר מסוכן כזה אשר עונשו כרת ר"ל שמת בחצי ימיו או שנכרת נפשו מארץ החיים

כמבואר בפרקים הקודמים ולא הם בעצמם לבד אלא גם זרעם בסכנה עבורם שלא ימותו ח"ו בעונם. ואיך מיקל בעצמו איש אשר דעת בו להכנים עצמה ובעלה ובניהם הנחמדים בסכנה כזו מפני לעג השיכורים האלה שנשכרו מיין המינות בעונ"ה המה ילעגו ויתלוצצו כמה שיחפצו ואנשים הישרים עליהם לעשות את שלהם שלא להכנים נפשם לאבדן ח"ו ויגיע עוד עת שיפיגו מיינם זה וישובו ויראו מה עשו יתמהו על עצמם איפא היתה דעתם באכלם מאכל המעורב בסם המות הזה אבל לא יוכלו לעזור עצמם אז. וראו נא אחי כי מות הנתון בענין הזה לא מפי איש ואשה שכענוהו כ"א מאדון העולם ית' יוצר הכל אשר כתב מבואר בתורתו ואיש אשר ישכב את אשה דוה וגו' ונכרתו שניהם מקרב עמם ומי לנו יותר נאמן מהקב"ה בעצמו שהוא יוצר נשמתינו והוא מחיה את כולנו ואם הוא כתב והזהיר לנו מעוו המר הזה שסכנתו גדולה כ"כ מי יבא

את

---

פאר רופין צו עסין און צו טרינקען און ער האט גיזעהן אין קיך דורך איין סיבה איז אריין גיפאלין סם המות אין טאפ פון פלייש וואס אין איינע שעות מוז דער מענטש פון דעם עסין שטארבין האט ער אן גיהויבין צו שרייען מיא זאל ניט דער לייגען דעם עסין צום טיש ווארום עס ליגט דער טויט אין דעם טאפ זיי זענען אבער גוועזן שיכור האבין זיי פון אים גילאכט און האבין גיזאגט עס איז ליגענד קום עס מיט אונז זעה נאר ווי אגישמאקע פלייש און די יוך איז אזוי זים צו איז אסברא אז ער זאל צו הערען זייערע רייד צו עסען דעם מאכל אפילו ער שמעקט זייער וויא באלד ער האט אליין גיזעהן אז סם המות ליגט אין אים. און צו איז אסברא אז ער זאל געבן פאר זוכין זיינע קינדער פון דעם טאפ אפילו אז זיי זאלין פאר אים ווייגען. און אפילו אז ער הט אליין ניט גיזעהן נאר ער האט גיהערט פון וועמען עס איז נאר ניט פון אשיכור וועט ער אודאי ניט וועלין אריין קריכען אין אסכנה. היינט איצטער בערעכינט זיך אז ביי אונזער ענין איז אזא סכנה וום זיין עונש איז כרת ר"ל וום ער שטארבט אין מיטען וועלט אדער זיין נפש ווערט אפ גישניטען פון ארץ החיים דהעליונה און ניט זיי אליין זענען אין סכנה זייערע קינדער זענען אויך אין סכנה זיי זאלען ח"ו ניט שטארבען איבער זייערע עבירות און ווי

אזו איז זיא זיך מיקל אריין ברייגגען זיך און איר מאן און אירע קינדער אין אזוי אסכנה וואס איז דם כדי דיא שיכורים וום זענען גווארן שיכור פון זייערע אפיקורסות (ווארום אקוראט וויא שטארקע שפירטאס מיא זאל אום טרינקען אקווארט נעמט דאס צו דעם גאנצען שכל אזו איז די אפיקורסות) זאלען פון איר ניט לאכין. לאזען זיי לאכען ווי פיל זיי ווילען און די ערליכע מענטשין וואס גלויבין אין גאט דארפען טאן דאס זייערינע ניט אריין ברייגגען דעם נפש לסכנה ח"ו. עס וועט נאך קומען אצייט וום זיי וועלין זיך אוים ניכטערען וועלען זיי אליין זעהן וום זיי האבין גיטאן וועלען זיי אליין זיך וואונדערען אויף זיך וואו איז גיוועזן זייער שכל וואס זיי האבן גיגעסן איין עסען וואס ליגט אין דעם סם המות אבער זייא וועלען זיך דערנצמאלט ניט קענען העלפען. זעהט נאהר ברידער אז דער טויט וואס איז געגעבען אין דעם ענין איז דאס ניט גיהערט געווארען פון מענטשען נאר פון דעם האר פון דער וועלט וואס ער איז דער באשעפער וום ער הט אזו געשריבען אין זיין תורה ואיש אשר ישכב את אשה דוה וגו' ונכרתו שניהם מקרב עמם איז דער טייטש אמענטש אז ער וועט זיין ביא איין אשה נדה קומט ביידע כרת און ווער איז מעהר נאמן וויא הקב"ה וום ער איז דער בשעפער פון אונזערע נשמות און ער

אין

אחר המלך. -וכמה שוטים ופתיים האנשים האלה המתברכים בעצמם כי לא יגיע אליהם הרעה ועליהם לדעת שאף שהקב"ה מאריך אף אבל גבי דיליה זמרה תהי' אחריתם וכמש"כ בדברי הנביא (צפניה א') ופקדתי על האנשים הקופאים על שמריהם האומרים בלבבם לא, יטיב ד' ולא ירע. וראה נא מה שאחז"ל (כר"ה דף י"ח) דמי שעונותיו מרובין מזכיותיו ויש בתוך עונותיו גם עון עריות כגון נדה וכיו"ב משארי עריות הוא נידון בגיהנם שנים עשר חודש ואח"כ גופו כלה ונשמתו נשרפת והרוח מפזרת לאפרו תחת כפות רגלי הצדיקים משום שנקרא בזה פושע בגופו. ויחרדו האנשים האלה כי מי יודע פן עונותיהם מרובין ואלו לא היה איסור זה אצלם היו נידונין בגיהנם אבל אחרי הדין הי' נשמתן קיימת ובשביל עון זה נשמתן נשרפת אם לא שימהרו לשוב מדרכם ולהתחנן לד' שיכפר להם. עוד צריך לזכור כי העון הזה גורם שהבנים אשר יולדו לו עי"ז יהיו רשעים גמורים כי הם מבני תשע מדות שאחת מהן הוא בני נדה ועליהן אמר הכתוב וברותי מכם המורדים והפושעים בי כמו שאחז"ל. וכמה יצטער עי"ז לע"ל כי לא די שהוא בעצמו קלקל כל ימי חייו הביא עוד רשעים בעולם למרוד בד' ובתורתו כל ימי חייהם ויהי' פעולתם הרעה גם לו למזכרת עון לנצח. לך נא ראה מה דאיתא בזוה"ק פרשה שמות תלתא אינון דדחיין שכינתא מעלמא וגרמין דדיוריה דקודשא בריך הוא לא הוי בעלמא ובני נשא צווחין ולא אישתמע קליהון. ואילין אינון מאן דשכיב בנדה בגין דלית מסאבו תקיף בעלמא בר מסאבו דנדה.
מסאבו

---

איז אלעמען מחיה הײנט אז ,, האט אונז פאר זאגט פון דעם ביטערען עון װארום זײן סכנה איז זײער גרוס װער קען קומען נאך דעם מלך הכבוד און קלערען אנדערש. װיא פארנארט זענען די מענטשען װאס זײ קלערין זיך ניט קשה אויף אונז װעט ניט קומען די צרות זײ דארפען װיסען הנם דער איבערשטער איז אמאריך אף אבער צום סוף מאנט ער אוף דם זײנע און ביטער װעט זײן זײער סוף און װי עס זאגט אונז דער נביא צפניה ופקדתי על האנשים הקופאים על שמריהם האומרים לא ייטיב ד' (לעושי רצונו) ולא ירע (לעוברי רצונו) והיה חילם למשיסה ובתיהם לביזה דער טײטש איז איך װעל זיך ארום זעהן ארום דיא מענטשין װאס זאגין אז גאט ב"ה טוט ניט קיין טובות צו דעם װם פאלגט אים און ער טוט ניט קיין רעה דעם װאס איז עובר אויף זײן רצון דער פאר װעט זײן זײער גוטץ צו רויבונג און זײערע הײזער צו ראבירונג. גיב אכטונג װם די גמרא זאגט אין מסכת ר"ה אז דער מענטש װאס זײנע עבירות איז מעהר פאר זײנע מצות און אין דיא עבירות געפינט זיך דער עון פון עריות דהיינו נדה און דאס גלײכען פון אנדערע עריות װערט ער געמישפט אין גהינם צװעלף חדשים און דער נאך װערט דער גוף פארלענד און די נשמה װערט פאר ברענט און דער װינט פאר שפרײט די אש אונטער דיא פים פון די צדיקים מחמת דער מענטש װערט אן גרופען אפושע מיטען גוף דארפען דאך די מענשין צו ציטערט װערען װארום װער װײס טאמר איז זײער עבירות מער פאר דיא מצות און װען ניט דיא עבירה װאלט ער געמישפט װערין אין גהינם אבער נאך דעם װאלט די נשמה זײנע אײן קיום האבען אבער אצונד װעט דאך דיא נשמה פאר ברענט װערען סײדין ער זאל זעהן תשובה צו טאהן און בעטין בײא גאט ער זאל אים אויף עבר מוחל זײן און אויף להבא זיך היטען מער דם ניט טאהן. נאך אזאך דארף מען גידײנקען אז די עבירה איז גורם אז די קינדער װאס װעלין געבארען װערען דורך דעם װעלין זײן רשעים גמורים װארום עס איז פאראן נײן זאכען װאס איז גורם צו האבען שלעכטע קינדער איז אײנע פון זײא בני נדה און אוף זײא שטײט אין פסוק וברותי מכם המורדים והפושעים בי און װיפיל װעט דער מענטש האבין דער פון צער לעתיד לבוא ניט גינוג װאס ער האט אלײן מקלקל גיװען זינד ער לעבט ער האט נאך גיבראכט רשעים אוף דער װעלט זאלען מורד זײן אן גאט מיט זײן תורה זינד זײ לעבין און װען זײ װעלין טאן עברות װעט מען אים אויבין דער מאנען צוא שלעכטם אוף אײביג. גיב אכטונג װאס עס שטײט און זוהר הקדוש דראיי איז פאראן װאס זײ שטופין אפ די שכינה פון דער װעלט און זײא זענען גורם אז דעם אײבירשטינם כבוד רוט ניט אוף דער װעלט און דעריבער שרײען מענשין און עס װערט ניט צוא גינומען זײערע בקשות און דאס זײנען זײ דער װאס איז מיט אנדה װארום עס איז ניטא אזא שטארקע טומאה אוף דער װעלט װיא די טומאה פון אנדה. די טומאה פון אנדה איז שטארקער
פאר

מסאבו דנדה קשיא מכל מסאבו דעלמא. איסתאב
איהו וכל דמקרבין בהדי' יסתאבון עמיה. בכל אתר
דאזלין איתדחיא שכינתא מקמייהו. ולא עוד אלא
דגרים מרעין בישין על גרמיה ועל ההוא זרעא
דיוליד דכיון דיקרב ב"נ לגבי נדה ההוא מסאבא
דליג עלוי וישתאר בכל שייפין דליה. זרעא דיוליד
בההוא שעתא משכין עליה רוח מסאבא וכל יומוי
יהו במסאבו דהא בניינא ויסודא דליה איהו במסאבו
רב ותקיף מכל מסאבין דעלמא דמיד דקריב בר נש
לגבי נדה ההוא מסאבו דליג עלוי דכתיב ותהי
נדתה עליו. עי"ש עוד. ועל זרע כזה שייך מאי דכתי'
ארור אתה בבואך וארור אתה בצאתך דהיינו בבואך
לעולם ובצאתך מן העולם. וע"כ כל אשר בשם
ישראל יכונה יחוס על עצמו ועל כל דורותיו
הבאים אחריו שלא יכלו בעונותיו ויתחזק על יצרו
שלא לעבור על איסור המר הזה ויהיה טוב לו
ולזרעו אחריו. והנה לפ"ז צריך ליזהר מאוד שלא
לדור עם אשתו בעיר שאין שם מקוה כשרה. ואפילו
מי שתלוי בו טפלי ועיקר פרנסתו לפי מראית עיניו
הוא תלוי רק במקום הזה לא יחליף עולם עומד לעד
לעולם בעולם עובר כי בודאי כשידור עם אשתו
בקביעות במקום הזה בהמשך הימים יבוא לידי
איסור כרת ר"ל וישים בטחונו בד' שלא יעזבהו ולא
יקופח פרנסתו בכל מקום שיהיה:

# פרק

## בו יבואר סיבת התרשלות לטבילה מפני הבושה:

**ויש** מקומות בעו"ה בחו"ל שבאותו העיר פסקו
לגמרי מלטבול ונעשה להם הדבר כהתר גמור
ועי"ז ממילא אף נשים שאינן רעות בדעות כ"כ מ"מ
הם בושות לקיים מצות טבילה. אבל באמת גם
זהו טענה של הבל ושטות דכי אם יאחוז אש
בקירות ביתו בלילה וילך אחד וידפוק בחלונותיו קום
משינתך

---

פאר אַלֶע טוּמְאוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. עֶר אַלֵיין וֶוערְט טָמֵא
אוּן וֶוער עֶס רוּקְט זִיךְ צוּא אִים וֶוערְט אוֹיךְ טָמֵא
וואוּ עֶס גֵייעֶן דֶער מַאן מִיט דִיא וַוייבּ וֶוערְט נִדְחֶה דִיא
שְׁכִינָה פוּן זֵיי. אוּן נָאךְ מֶער עֶר אִיז גוֹרֵם קְרַיינְקְהַייטִין
בִּיטֶערֶע אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִיא קִינְד וָואס וֶועט גִיבָּארִין
ווערְען פוּן וָוארוּם וִויא דֶער מִתְקָרֵב צוּא דִיא נִדָּה אִיז
דִיא טוּמְאָה שְׁפְּרִינְגְט אַרוּף אוֹיף אִים אוּן דָאס בְּלַייבְּט
נָאכְדֶעם אִין אַלֶע אֵיבָרִים זַיינֶע. דֶער קִינְד וָואס וֶועט
גִיבָּארִין וֶוערִין אוֹיף דֶער צַייט זֶענֶען זֵיי אוֹיף אִים מַמְשִׁיךְ
(צִיהֶן אַרוּף) אַרוּחַ הַטוּמְאָה אוּן אַלֶע טֶעג וָואס עֶר וֶועט
לֶעבִּין וֶועט אַלְץ זַיין מִיט טוּמְאָה וָוארוּם זַיין בִּנְיָן זַיין
יְסוֹד אִיז גִיוֶועןְ מִיט גְרוֹס טוּמְאָה אִיז ע"כ דֶער וָואס רוּפְט
זִיךְ נָאר מִיט אַאִידִישֶׁען נָאמֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבִּין
אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועט פוּן אִים אַרוֹיס
קוּמֶען אַז זֵיי זָאלִין נִיט כְּלָה וֶוערִין אִיבֶּער זַיינֶע עֲבֵרוֹת
אוּן זִיךְ אַרִיבֶּער שְׁטַארְקִין אוֹיף דֶעם יצה"ר עֶר זָאל נִיט
עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִיא בִּיטֶערֶע עֲבֵרָה וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן
זַיינֶע קִינְדֶער וָואס נָאךְ אִים וּלְפִי זֶה דַארְף זִיךְ זֵאהִיד
זַייעֶר הִיטִין עֶר זָאל נִיט וואוֹינֶען מִיט זַיין וַוייבּ אִין אַיין
שְׁטָאט וָואס עֶס אִיז נִיטָא קֵיין מִקְוֶה אַכְּשֶׁערֶע אֲפִילוּ אַז
עֶר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה אִיז אִין
דֶער שְׁטָאט זָאל עֶר נִיט אוּים בַּייטִין דִיא אֵייבִּיגֶע וֶועלְט
אוֹיף דִיא קְלֵיינֶע וֶועלְט וָוארוּם דָאס אִיז גִיוִויס אַז עֶר
וֶועט וואוֹינֶען מִיט דִיא וַוייבּ בִּקְבִיעוּת אִין דֶעם אָרְט וֶועט
עֶר בְּוַדַאי אַמָאל קוּמֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם אִיסוּר כָּרֵת
עַל כֵּן זָאל עֶר זֶעהֶן אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם אָרְט אוּן הָאבִּין
אַבִּטָחוֹן אוֹיף גָאט ב"ה אַז עֶר וֶועט אִים נִיט פַאר לָאזִין
אוּן עֶר וֶועט אִים גֶעבִּין פַּרְנָסָה וואוּ עֶר וֶועט זַיין:

## פרק ז

ן עֶס אִיז פַאראַן עֶרְטֶער חוּץ לַמְּדִינָה וָואס אִין
דֶער שְׁטָאט הָאט מֶען אִין גַאנְצִין אוֹיף גִיהֶערְט טְבִילָה אוּן
דָאס אִיז בַּייא זֵייא גִיוָוארִין הֶיתֵּר גָמוּר אוּן דוּרְךְ דֶעם
אִיז אֲפִילוּ פְרוֹיעֶן וָואס הָאבִּין נִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע
גִיפִילִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין פַאר מַיידִין זֵייא אוֹיךְ צוּא גֵיין
טְבִילָה מַחְמַת זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ פַאר דִיא אִיבֶּערִיגֶע אָבֶּער
דָאס אִיז אוֹיךְ אַנַארִישֶׁע טַעֲנָה צוּם בַּייא שְׁפִּיל אַז עֶס
וֶועט זִיךְ אָנְבַּאפִּין אַפַייעֶר בַּייא נַאכְט אִין אַשְׁטוּבּ אוּן
דֶער בעה"ב שְׁלָאפְט אוּן אֵיינֶער הָאט דֶער זֶעהֶן וִויא עֶס
בְּרֶענְט שְׁטַארְק קְלַאפְּט עֶר אָן אִין דִיא פֶענְצְטֶער שְׁטֵיי
אוֹיף פוּן שְׁלָאף וָואס שְׁלָאפְסְטֶע דֶער פַייעֶר הָאט שׁוֹין
אַרוּם גִינוּמֶען דִיא שְׁטוּבּ פוּן אַלֶע זַייטִין אַנְטְלוֹיף גִיךְ
וואָרוּם

משינתך מה לך נרדם ראה כי הקיפה האש את ביתך מכל עבריה מהר וברח מביתך כי בקרוב יפלו הקורות עליך האם יתיר לנפשו להשיב לו ולומר איני יכול לברוח חוצה ערום בלי לבוש כראוי מפני הבושה ואם יאמר כן הלא כסיל ופתי יקרא לכל באי עולם שהפקיר עצמו לשרפת אש מפני דבר נקלה ושטות וכן הוא ממש בענינינו כי ידע האדם שכשעובר על מצות ד' במזיד בשאט נפש בודאי תאכלהו אש לא נופח של הגיהנם עבור זה וזהו אפילו בלאו בעלמא וכ"ש בעון המר הזה שחייבה עליו התורה עונש הכרת. ואפילו אם הוא במקום הרבה פוקרים שיביישוהו ויקראוהו לשוטה עבור זה כבר אחז"ל מוטב לו לאדם להקרא שוטה כל ימיו ואל יהי רשע שעה אחת לפני המקום. ודמיון הפוקרים הללו הוא כשיכור שגבר עליו שכרותו והוא מושלך ברחוב ומרנן מתוך שכרותו איך שכל העולם הוא שלו והוא שמח וטוב לב על חלקו וגורלו אבל תדע שכל זה הוא בעת שגבר עליו היין אבל לבסוף כשיתעורר משכרותו ויראה איך הוא מושלך ברחוב ברפש וטיט יתמה על נפשו איך נתפתה ליצרו בתאות היין עד שבא עי"ז לידי מדה זו לשכב. ברפש וטיט לעיני הכל כן נמי בענינינו כ"ז שחמדה ותאות העולם מתגברין עליו הוא כשכור ואינו מכיר מדרגתו ומקומו איך הוא מושכב ברפש וטיט [דהיינו שרוח הטומאה מקפת אותו מראשו ועד רגליו והוא מלובש בבגדים הצואים מחלאת עונותיו וכמו דכתיב בזכרי' ג' הסירו הבגדים הצואים מעליו וגו'] אבל כשיכלה בשרו ושארו ויסתלק ממנו החמדה והתאוה ויובא לתת דין וחשבון לפני מלך הכבוד אז יתבונן על מהותו וענינו איך הלך ברצון נפשו למדבר ציה וצלמות וינהום באחריתו על כל עבירות שעשה בעוה"ז אבל מי יועיל לו אז וכמו שנאמר ונהמת באחריתך בכלות בשרך ושארך וגו' ואמרת אך שנאתי מוסר:

והנה

---

ווארום באלד וועט זאראפ פאלין דיא באלקינס אויפין קאפ צוא וועט דעם בעה"ב אנפאלין צו ענטפערין איך קען גיך ניט אנטלויפין איך דארף זיך אנטאן מיט אראק וויא אמענטש און וויא פאר מיר פאסט קיינער וועט אזוי ניט ענטפערין און דער וואס וועט אזוי ענטפערין וועט מען אים האלטין פארין גרעסטין שוטה ופתי ער האט זיך מפקיר גיוועזן פר ברענגט צו ווערין איבער אזוי אנארישקייט און אזוי איז ממש אין אונזער ענין ווארום אז דער מענטש איז עובר אויף דעם אייבערשטינס מצוה מיט פלייסיקייט (במזיד) וועט אים גיוויס ברענגען דאס פייער פון גיהינם און דאס איז אפילו אויף אהוילין לאו אז מיא איז עובר און כל שכן אויף דעם ביטערין עון וואס דיא תורה האט אויף אים מחייב גיוועזן כרת און אפילו אז ער איז אין אזוי איין ארט וואס עס איז דא פיל פוקרים וואס זייא וועלין אים דער פאר גיוויס מבייש זיין און מיא וועט אים און איר האלטין פאר שוטים הט שון אונזער הייליגע גמרא גיזאגט אז עס איז בעסער מיא זאל אמענטשין רופין שוטה זינד ער לעבט נאר ניט זיין קיין רשע פאר דעם אייבערשטין אפילו אויף איין שעה. און דיא פוקרים זענען גלייך וויא איין שיכור וואס עס האט זיך אויף אים גישטארקט זיינע שכרות און ער וואלגערט זיך אין גאס און זינגט פון שכרות וויא דיא גאנצע וועלט איז זיין און ער איז בייא זיך פרייליך און לעבעדיג אויף זיין חלק אבער זאלסט וויסין אז דאס איז מער ניט בשעת דער וויין האט זיך אויף אים גישטארקט אבער צום סוף אז ער וועט זיך אויס ניכטערין פון דעם שכרות און ער וועט קוקין וויא ליגט ער דא אין רינשטאק וועט ער זיך אליין וואונדערין אויף זיך וויא האט ער זיך גילאזט אן רעדין צוא תאוה פון וויין ביז וואנענד ער איז גיקומען צוא אזא מדרגה ער זאל ליגין אין רינשטאק אין בלאטע פאר אלעמען אין די אויגין איז און אזוי איז אונזער ענין אוך כל זמן דיא חמדה און דיא תאוה איז זיך אויף אים מתגבר איז ער וויא אשכור און ער דער קענט ניט זיין מדרגה און זיין גראד וויא ער ליגט אין דער בלאטע [דהיינו דער רוח הטומאה איז אים מקיף פון קאפ ביז דיא פים און ער איז אנגיטאן מיט בגדים איין גיריכטע פון דיא טומאה] אבער אז עס וועט כלה ווערין זיין פלייש און פון אים וועט אראפ גיין זיין תאוה און ער וועט גיבראכט ווערין פאר הקב"ה צוא געבין דין וחשבון דערנסטמאלט וועט זיך דער נפש מתבונן זיין אויף זיין מהות מיט זיין ענין וויא איז ער דאס גיגאנגען מיט איין אייגענעם רצון אין אוויסטיקין מדבר און ער וועט קרעכצין צום סוף אויף אלע עבירות וואס ער האט גיטאן אין דיא וועלט אבער ווער קען אים דערנסטמאלט וויא עס שטייט

אין

# פרק ח

## עוד מענין זה :

**והנה** נמצאו כהיום כת נשים מן הצעירות גרועות מן הראשונות שמפירין ענין טבילה ג"כ משום בושה אבל בפנים אחרים. והוא מפני שנתגדלו בחופשיותם מנעוריהם שביקרו בתי הלימודיות ונעשו חכמים בעיניהם מכל מי שקדמם עד שבושה היא להן לשמור חוקי התורה כדת משה וישראל ובפרט בענין הזה שנחשב להן כמין יציאה מגדר הצניעות. ומה אומר ומה אדבר על כת הזה אשר רחקו כ"כ מדרך האמת אשר תחת שראוי לאדם לשמוח ולברך לד' הטוב אשר זיכהו לקיים רצונו בחוקיו ומצותיו וכמו שקבעו לנו אנשי כנה"ג לברך אשר בחר בנו מכל עם וקידשנו במצותיו עוד הם מתביישין בם ומואסין חוקיו ומצותיו ולפי דעתם הסכלית לרעה ניתן להם התורה היפך מה דכתיב ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב וגו' אשר תשמעון אל מצות ד' אלקיכם וגו' וחיית ורבית וגו' וכבר הכירו גם חכמי אוה"ע את יקר ערך תורתינו הק' אשר גם בטעמיה הגלויים אשר ביכולת דעת האנושי להרגישם מצאו בהם רק חיים וחסד וכמו שאנו אומרים בתפלת שמ"ע כי באור פניך נתת לנו תורת חיים ואהבת חסד

---

אין פָּסוּק דוּא וועסט בְּרוּמֶען בַּיים סוֹף ווען עֶס וועט זִיךְ קָאנְצִין דַיין לַייב אוּן דוּ וועסְט זָאגִין וויא הָאבּ אִיךְ פַיינְט גִיהַאט מוּסָר׃

### פרק ח׳

וְהִנֵּה עֶס גִיפִינְט זִיךְ הַיינְט אַכִּיתָּה נָשִׁים פוּן דִיא יוּנְגֶע וָואס זֶענֶען עֶרְגֶער פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע וָואס זֵיי פַאר שְׁטֶערִין אוֹיךְ טְבִילָה אִיבֶּער בּוּשָׁה אָבֶּער מִיט אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים דְהַיְינוּ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף גִיהָאדֶעוֶועט אִין פְרַייקַייט זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִיא גִימְנַאזְיוּם מֵיינֶען זֵייא אַז זֵיי זֶענֶען קְלִיגֶער וויא פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת אַזוֹי ווַייט אַז זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּא הִיטִין דִיא גִיזֶעץ פוּן גָאטְס תּוֹרָה כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל אוּן בִּפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן טְבִילָה קוּמְט גָאר בַּייא זֵיי אוֹיס אַז אַיין מִקְוָה אִיז אַרוֹיס פוּן גֶדֶר צְנִיעוּת (אַבַּייא שְׁפִּיל ווֶעל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען אוֹיף זֵייא דָאס אִיז אַקוּרַאט וויא אֵיינֶער אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין אַטִיפִין זוּמְפּ פוּן קָאפּ בִּיז דִיא פִים אוּן דֶער בַּייא אִיז פַארַאן אַיין רֵיינֶע קְרִינֶעצֶע וַואסֶער אִיז גִיגַאנְגֶען פַאר בַּייא זַיינֶער אַבְּרוּדֶער שְׁרַייט עֶר צוּא אִים גִיבּ אַהַאנְט אוּן גֵיי אַרוֹיס אוּן גֵיי אַרַיין אִין קְרִינֶעצֶע ווֶעט פוּן דִיר אַרָאפּ גֵיין אַלֶע בְּלָאטֶעס עֶנְטְפֶערְט עֶר אִיךְ ווִיל נִיט מַאמֶער ווֶעט אֵיינֶער פַאר בַּייא גֵיין וויא אִיךְ ווֶעל אַרוֹיס גֵיין ווֶעט עֶר דָאךְ זֶעהְן אַז אִיךְ בִּין גִילֶעגִין אִין בְּלָאטֶע אִיז מִיר גְלַייכֶער צוּא זַיין אִין בְּלָאטֶע עֶנְטְפֶערְט דֶער בְּרוּדֶער מְשׁוּגֶענֶער וועסְטוּ דֶרִיבֶּער אֵייבִּיג לִיגִין אִין בְּלָאטֶע דֶעם נִמְשָׁל פַאר שְׁטֵייעֶן אַלֶע דִיא טוּמְאָה פוּן צַם נִדָּה אִיז אַקוּרַאט וויא אַטִיפֶער זוּמְפּ פוּן בְּלָאטֶע אַז זֵיא ווֶעט זִיךְ נִיט טוֹבֵל זַיין לִיגְט זִיא זִיךְ זִיא לֶעבְּט אִין אַרַיינְשְׁטָאג פוּן בְּלָאטֶע) נָאר אוֹיף דֶעם עִיקָר עִנְיָן וָואס זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת ווָאס זָאל אִיךְ זָאגִין אוֹיף אַזַא כִּיתָּה וָואס זֶענֶען אַזוֹי ווַייט גִיווָארִין פוּן דִיא אֱמֶעתֶע ווֶעג וָואס אָן שְׁטָאט דֶעם ווָאס אַמֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקֶען דֶעם לִיבִּין גָאט ב"ה וָואס עֶר הָאט אִים מְזַכֶּה גִיוֶועזֶן מְקַיֵּים צוּא זַיין דֶעם הֵיילִיקִין רָצוֹן זַיינֶעם מִיט זַיינֶע גִיזֶעצִין אוּן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אוּן וויא דִיא הֵיילִיקֶע תַּנָּאִים הָאבִּין אוּנְז אָפּ גִישְׁטֶעלְט אַבְּרָכָה אשר בחר בנו מכל עם וקדשנו במצותיו אִיז דֶער טַייטְשׁ וָואס עֶר הָאט אוּנְז אָפּ גִיקְלִיבִּין פוּן אַנְדֶערֶע אוּמוֹת (הקדמונים) אוּן עֶר הָאט אוּנְז גִיהֵיילִיקְט מִיט זַיינֶע מִצְוֹת נִיט גִינוּג וָואס זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ נִיט מִיט זַיין תּוֹרָה זֵייא שֶׁעמֶען זִיךְ גָאר מִיט זַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּג זֶענֶען זֵייא מְמַאֵס אוּן נָאךְ זֵייעֶר נַארִישִׁין שֵׂכֶל קוּמְט אוֹיס אַז לְרָעָה הָאט מֶען ח"ו אִידִין גִיגֶעבִּין דִיא תּוֹרָה אַקוּרַאט פַאר קֶערְט וויא עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר תּוֹרָה ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב וגו' אשר תשמעון אל מצות ד' אלקיכם וגו' וחיית ורבית וגו' דֶער טַייטְשׁ אִיז גִיבּ אַכְטוּנְג אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גִיגֶעבִּין דָאס לֶעבִּין אוּן גוּטְס דֶער בַּיי דָאס וָואס אִיר ווֶעט הִיטִין דֶעם פַאר זָאג פוּן גָאט דֶער פַאר ווֶעסְטוּ לֶעבִּין אוּן דוּא ווֶעסְט זִיךְ מֶערִין וגו'. פִיל פוּן דִיא חֲכָמִים פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבִּין אוֹיךְ דֶער קֶענְט דִיא טַייעֶרְקַייט פוּן אוּנְזֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אַז אֲפִילוּ אִין אַנְטְפְּלֶעקְטֶע טְעָמִים וָואס בַּייא מֶענְטְשִׁין שֵׂכֶל אִיז בִּיכוֹלֶת צוּא דֶער לַיינְגֶען הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען כַּמָּה עִנְיָנִים וָואס אִיז מַאֲרִיךְ יָמִים פוּן מֶענְטְשִׁין גַם פִיל עִנְיָנִים

חסד. ולא זו, בלבד בחלק המשפטים ומצות שבין אדם לחבירו שכולה בנויה על חוק היושר האמיתי וזכות הנפש עד קצהו גם בחלק החוקים כמו הרחקה מחיות ועופות טמאים וכן מצות שחיטה ואיסור נבילה וטריפה ופרישת נדה וכיו"ב מצאו בהם חכמי הטבעיים איך כל אלה חוקי חיים הם לטהרנו ולקדשנו. וכ"ז מה שמשגת דעת האנושי ויותר מזה יש רבי רבבות פליאות חכמה אצורים בחלק החוקים שאין דעתינו השפילה יכולה להכיר אותם וכמו שכתב הרמב"ם בפרק עשירי מסנהדרין וז"ל כל דיבור ודיבור מן התורה יש בהן חכמות ופלאים למי שמבין אותם ולא הושג תכלית חכמתה ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים ואין לאיש אלא להלוך בעקבות דוד משיח אלקי יעקב שהתפלל גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך וכן אמר עוד לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאוד [ועיין בספר שם עולם שער החזקת התורה פי"ב] וז"ל הרמב"ם בחיבורו הגדול סוף הלכות מעילה ראוי לאדם להתבונן במשפטי התורה הק' וכו' ודבר שלא ימצא לו טעם ולא ידע להעילה לא יהיה קל בעיניו ולא יהרס לעלות אל ה' פן יפרוץ בו ולא יהיה מחשבתו בו כמחשבתו בשאר דברי החול. בא וראה כמה החמירה התורה במעילה ומה אם עצים ואבנים ועפר ואפר כיון שנקרא שם אדון עולם עליהם בדברים בלבד [שאחד מישראל אמר עליהם שיהיו קדש לד'] נתקדשו וכל הנוהג בהן מנהג חול מעל וצריך כפרה אפילו היה שוגג ק"ו למצוה שחקק לנו הקב"ה שלא יבעט האדם בהן מפני שלא ידע טעמן ולא יחפה

דברים

ענינים פון חסד. און ניט דנקא אין דעם חלק פון בין אדם לחבירו וואס זיא איז דורך געבויט אפין אמתין יושר און אפין ריכטיקין שכל אפילו אין דעם חלק חוקים דהיינו וואס דיא תורה הייסט זיך דער ווייטערין פון חיות ועופות טמאים אדער מצות שחיטה אדער מיא זאל ניט עסין נבילות וטרפות אדער אפ שיידין פון איין נדה און נאך דאס גלייכין האבין אין דעם געפונען דיא חכמי הטבעיים אז דאס איז אלץ הייליגע חוקים וואס מאכט דעם מענטש געזונד און ריין (טהור) און הייליג. און דאס איז נאך אלץ וואס דעם מענטשינס שכל קען דער לייגען און נאך מער איז פאראן צענדליגע טויזנד וואונדערליכע חכמות איז באהאלטין אין דעם חלק פון דיא חוקים וואס מענטשינס שכל קען דאס ניט דער לייגען און וויא דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין פרק עשירי פון סנהדרין און דאס זאגט ער איטליכעס דיבור פון דער תורה איז פאראן אין אים חכמות און וואנדערליכע ענינים צו דעם דער וואס פאר שטייט זיא און מיט אלעמען פאר שטיין איז ניט מיגלאך אין דער וועלט צוא פאר שטיין דעם סוף פון איר חכמה איין מענטש דארף מער ניט וויא גיין אין דעם וועג פון דעם גיזאלבטין פון גאט דאס איז אונזער הייליקער דוד המלך וואס ער האט מתפלל געוועזן גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך דער טייטש איז דעק אויף מיינע אויגין וועל איך פר שטיין אלע וואנדערליכע זאכין וואס שטייט אין דיין תורה און אזוי זאגט ער נאך אפסוק לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאוד דער טייטש איז צו אלע זאכין האט אפערע דיינע מצות פון דער תורה האט זייער חכמה קיין סוף ניט. און נאך אויף איין ארט (בהלכות מעילה) שרייבט דער רמב"ם אזוי עס איז ראוי צו אמענטש ער זאל דעם שכל צו לייגין צו פאר שטיין דיא משפטים פון גאטס תורה און די זאך וואס ער וועט ניט פאר שטיין זאל דיא זאך ניט זיין חלילה גרינג ביא אים און זאל ניט זיין דיא מחשבה אין דעם וויא אנדערע דברי חול ווס אמענטש מאכט מיט זיין קליינעם שכל גיב אבטונג און זעה וויא פיל האט די תורה מחמיר געוועזן ביי מעילה (מעילה איז אז איינער איז מקדיש אזאך צום בית המקדש שטיינער האלץ אדער ערד און איינער גייט און ניצט דער פון עפעס פר זיך אפילו פר איין פרוטה דהיינו ער האט זיך גיזעצט דרויף האט ער שוין גיפעלשט אין דעם אייבערשטינס אזאך און ער דארף שוין ברענגען דערויף אקרבן צוא פאר געבין אויף אים) מאראך האלץ אדער שטיינער אדער אביסיל ערד וויא עס ווערט גירופין דער נאמען פון דעם האר פון דער וועלט אויף דרויף דהיינו וואס איינער הט דם מקדיש גיוועזן צו גאט ב"ה איז דם תיכף גיווארין הייליג און דער וואס איז זיך נוהג אויף דעם מנהג פון וואכעדיקייט האט ער שוין גיפעלשט און ער דארף שוין האבין אכפרה אויף זיין נפש אפילו ער האט דאס גיטאן אומגעווערין היינט אכל שכן דיא מצות וואס גאט ב"ה האט זיי אריין גישטעלט אין זיין תורה זאלין זיי ח"ו ניט קליין זיין ביא אים אין רעיון ווייל ער ווייסט ניט זייערע טעמים און ח"ו ניט ריידין רייד וואס מיא דארף ניט אויף הקב"ה

זיין

דבר"ם אשר לא כן על השם ולא יחשוב בהן מחשבתו כבדברי חול הרי נאמר בתורה ושמרתם את כל חוקותי ואת כל משפטי ועשיתם אותם אמרו חכמים ליתן שמירה ועשייה לחוקים כמשפטים והעשייה ידועה והוא שיעשה החוקים והשמירה שיזהר בהן ולא ידמה שהן פחותין מן המשפטים והמשפטים הן המצות שטעמן גלוי וטובת עשייתן בעוה"ז ידועה כגון איסור גזל ושפיכות דמים וכיבוד אב ואם והחוקים הן המצות שאין טעמן ידוע. אמרו חכמים חוקים שחקקתי לך אין לך רשות להרהר בהן ויצרו של אדם נוקפו בהן ועכו"ם משיבין עליהן כגון איסור בשר חזיר ובשר בחלב ועגלה ערופה ופרה אדומה ושעיר המשתלח וכו' וכל הקרבנות כולן מכלל החוקים הן אמרו חכמים שבשביל עבודת הקרבנות העולם עומד שבעשיית החוקים והמשפטים זוכין הישרים לחיי עוה"ב והקדימה התורה ציווי על

החוקים שנאמר ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם עכ"ל וכונתו כמו שביאר התרגום דהאי וחי בהן הוא לחיי עוה"ב דרך בשמירת החוקים והמשפטים יחי' נפש האדם בחיי הנצח. ובושה תכסה פני אלה החכמים בעיניהם אשר לדעתם הנבערה חכמתם גדולה מכל חכמי קדם מדוד המלך ע"ה ומכל הנביאים והחכמים ורבינו הרמב"ם ז"ל שכולם הקדישו והעריצו את דברי אלקים חיים וכל חכמינו ז"ל קדושי עליון יגעו על כל אות ואות קוץ וקוץ מחוקי האלקים לבררם ולפרשם להגיע עד תכלית הרצון האמיתי של הש"י בכל דין ודין מצוה ומצוה והם בבערותם וסכלותם ובפיתוי יצרם המושך אותם לשאול ואבדון ח"ו לא מצאו למו ענין החוקים האלה לענין נכבד לקבל אותם ובושים הם בשמירתם. אוי ואבוי שכך עלתה בימינו להתבייש מלשמור דברי אלקים חיים ולדעתי זהו

---

אוּן נִיט קְלֶערִין אִין זֵיי מַחֲשָׁבוֹת וִויא מִיא קְלֶערְט אוֹיף אַוֶואכִינְדִיקֶען עִנְיָן. שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה ושמרתם את חקותי ואת משפטי ועשיתם אותם (חוּקִים וֶוערְט אָן גִירוּפֶען אַזַאךְ וָוס מֶענְטְשִׁינְם שֵׂכֶל קֶען דָאס נִיט דֶער לַיינְגֶען דְהַיְינוּ פַר וָוס מִיא טָאר נִיט עֶסִין קֵיין פְלֵייש מִיט מִילֶעךְ אָדֶער חֲזִיר אָדֶער דִיא טַעֲמִים פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אָדֶער דֶעם עִנְיָן פוּן קָרְבָּנוֹת. מִשְׁפָּטִים וֶוערְט אָן גִירוּפֶען אַזַאךְ וָואס דֶער שֵׂכֶל פַר שְׁטֵייט דְהַיְינוּ דֶער אִיסוּר פוּן גְנֵיבָה גְזֵילָה שְׁפִיכוּת דָמִים דִיא מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם) הָאט דִיא תּוֹרָה גִיהֵייסִין מִיא זָאל הִיטִין אוּן טָאן דִיא חוּקִים אַקוּרַאט וִויא דִיא מִשְׁפָּטִים אוּן נִיט מֵיינֶען ח"ו אַז דִיא חוּקִים אִיז זֵייעֶר מַעֲלָה קְלֶענֶער פַר דִיא מִשְׁפָּטִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דִיא חוּקִים וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי מְחוֹקֵק גִיוֶוען הָאסְטוּ מֶענְטְשׁ נִיט קֵיין רְשׁוּת מְהַרְהֵר זַיין אוֹיף זֵיי אַלֶע קָרְבָּנוֹת אִיז דָאךְ אִין כְּלַל פוּן דִיא חוּקִים פוּן דֶעסְט וֶועגִין זָאגִין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים אַז בִּזְכוּת דִיא עֲבוֹדָה פוּן קָרְבָּנוֹת הָאט דִיא וֶועלְט אַקִיוּם (אוּן הַיינְט אִיז דֶער דַאוֶוענֶען אָן שְׁטָאט קָרְבָּנוֹת) אוּן זֵיי הָאבִּין גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶעם רַאְיוֹת פוּן פְּסוּקִים אוּן דוּרךְ דֶעם וָואס מִיא אִיז מְקַיֵּים חוּקִים וּמִשְׁפָּטִים אִיז מֶען זוֹכֶה לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא אוּן דִיא תּוֹרָה הָאט מַקְדִים גִיוֶוען צוּא פַאר זָאגִין אוֹיף חוּקִים נָאךְ פְרִיעֶר פַאר מִשְׁפָּטִים וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר

יעשה אותם האדם וחי בהם דֶער טַייטְשׁ אִיז אִיר זָאלְט הִיטִין מַיינֶע חוּקִים אוּן מַיינֶע מִשְׁפָּטִים אַז אַמֶענְטְשׁ וֶועט זֵיי טָאן וֶועט עֶר מִיט זֵיי לֶעבִּין (אוּן וִויא דֶער תַּרְגוּם טַייטְשְׁט אַז וָחַי בָּהֶם גֵייט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא דְהַיְינוּ נָאר וָואס דֶער וָואס הִיט חוּקִים וּמִשְׁפָּטִים דֶער מִיט אִיז זוֹכֶה דֶער נֶפֶשׁ צוּא לֶעבִּין חַיֵּי הַנֵּצַח דָאס הֵייסְט אֵייבִּיגֶע לֶעבִּין) בִּיז אַהֶער אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן רמב"ם ז"ל הַיינְט וִויפִיל דַארְפִין זִיךְ שֶׁעמֶען דִי וָוס גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן וֶועג אוּן זֵיי הַאלְטִין זִיךְ פַאר חֲכָמִים אוּן נָאךְ זֵייעֶר נַארִישִׁין שֵׂכֶל זֶענֶען זֵיי גְרֶעסֶער פַאר אַלֶע פַאר צַייטִיגֶע גְרוֹסֶע לַייט פַר דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה אוּן פַר אַלֶע נְבִיאִים אוּן פַאר אַלֶע תַּנָּאִים אוּן אַנְדֶערֶע גְרוֹסֶע חֲכָמִים אוּן דֶער רמב"ם ז"ל וָוס אַלֶע הָאבִּין אַזוֹי פִיל גִיהוֹיבִּין אוּן גִיהֵיילִיקְט דִי רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַארֶעוֶועט צוּ פַר שְׁטֵיין אִיטְלִיכֶעס אוֹת אוּן אִיטְלִיכֶעס נְקוּדָה פוּן דֶער תּוֹרָה צוּ מְבַאֵר זַיין כְּדֵי צוּ פַאר שְׁטֵיין דֶעם עוֹמֶק פוּן דֶעם רָצוֹן פוּן הַשׁ"י אוּן אִיטְלִיכִם דִין אוּן אִיטְלִיכִם מִצְוָה סַייא דִיא חוּקִים סַייא דִיא מִשְׁפָּטִים. אוּן דִיא הַיינְטִיגֶע מִיט זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט מִיט דֶעם אֵיין רֵיידוּנג פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר וִויל זֵיי אַרַיין שְׁלֶעפִּין זֵייעֶר נֶפֶשׁ אִין שְׁאוֹל אַרַיין הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען דִיא חוּקִים פַר אֵיין עִנְיָן נִכְבָּד מִיא זָאל זֵייא אָן נֶעמֶען אוּן זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ הִיטִין זֵיי. אוֹי וַאבוֹי צוּ וָוס מִיר הָאבִּין דֶער לֶעבְּט אִין אוּנְזֶערֶע יארין

זהו כונת הכתוב והכושת אכלה את יגיע אבותינו היינו שאבותינו יגעו בכל כחם להשריש בלב בניהם אמונת הש"י ואהבת תורתו ואנו מתביישין לקיים דברי הש"י והוא כדבר של חול בעינינו לומר זה נאה לנו וזה לא ח"ו [והענין הגרוע הזה נמצא בדור אנוש שנאמר אז הוחל לקרוא בשם ד' היינו שלקרוא ולהתפל לפניו או לעשות רצונו נעשה בעיניהם כדבר חול ועיין בתרגום שם] הש"י ישמרנו מלחשוב מחשבות רעות כאלו ויזכנו לקיים כל דברי תורתו בשמחה ובלב טוב :

# פרק ט

## עוד מענין זה :

והנה ראה ראינו בעו"ה שמקיימים דברי חוקי המאדע והלוקסוס בכל פרטיו ודקדוקיו אף שהרבה מהם אין השכל הישר מסכים להם ולמה ינרע מהם דברי חוקי אלקים חיים אשר הם באמת צודקים ואמיתים הלא מן הראוי היה לאיש שקנה לו מדע מידיעת טבעיות העולם וטבע הברואים אשר בכולם נחזה חכמת האלקים והשגחתו שבחכמתו ית' יצרם וחילקם כ"א ואחד בעניניו המצטרכים לקיומו אשר אין קץ לחכמתו ית' וכמו דכתיב מה רבו מעשיך ד' כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קניניך והיה מן הראוי לאנשים האלה להוסיף אהבה וכבוד לד' יאהון כל היצורים האלה להיות נרתע מפני כבודו ולהזהר במאמריו וכמו שאמר הרמב"ם שבהתבונן האדם בפעולותיו של הקב"ה ובמאמריו יוסיף אהבתו ויראתו לאחוריו כי יראה איך הוא בריה שפילה אפילה עומד בדעת מעוטה לפני תמים דעים וכן אמר דהמע"ה כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת [היינו הקאמעטין הגדולים והגלגלים אשר גדלם לאין שיעור ואין ערך] מה אנוש כי תזכרנו

---

יָארִין אַז מִיא זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען צוּא הִיטִין דִיא רֵייד פוּן בוֹרֵא עוֹלָם. אוּן דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא אַמִינִיסְטֶער זָאל נִיט וֶועל טְרָאגִין דֶעם אוֹת הַכָּבוֹד וָוס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיגֶעבִּין אִיז אַבִּיסְן אַז עֶר הַאלְט דָאס פַר קֵיין כָּבוֹד נִיט ח"ו אַזוֹי אִיז דָאס גְלַייכִין אַז מִיא שֶׁעמְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיבֶּערְשְׁטִינְס מִצְוֹת אִיז מֶען בִּכְלַל פוּן אַמוֹרֵד ח"ו. הש"י זָאל אוּנְז אָפּ הִיטִין פוּן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת אוּן אוּנְז מְזַכֶּה זַיין מְקַיֵים זַיין דִיא מִצְוֹת הַתּוֹרָה מִיט אַשִׂמְחָה אוּן מִיטִין גַאנְצִין הַארְצִין:

## פרק ט

וְהִנֵה מִיר זֶעהְן בעו"ה אַז מִיא אִיז מְקַיֵים דִיא מָאדֶע מִיט דֶעם לוּקְסוּס מִיט אַלֶע פְּרָטִים מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים חָאטְשׁ פִיל זַאכִין אִיז דֶער גְלַייכֶער שֵׂכֶל נִיט מַסְכִּים דֶער צוּא הַיינְט פַר וָוס זָאל זַיין עֶרְגֶער דִיא גִיזֶעצֶע פוּן דֶעם לֶעבִּידִיקֶען גָאט וָוס זֵיי זֶענֶען דָאךְ בֶּאֱמֶת רִיכְטִיגֶע. עֶס אִיז דָאךְ גִיוֶועזְן רָאוּי אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט וִויסִין שַׁאפְט אִין טִבְעִיוֹת אִין חָכְמוֹת אִין טֶבַע פוּן דִי אַלֶע בְּרוּאִים וָוס פוּן אַלֶע קֶענְמֶען זֶעהְן דִי חָכְמָה פוּן הקב"ה אוּן זַיין הַשְׁגָחָה אַז מִיט זַיין חָכְמָה הָט עֶר זֵיי בַּשַׁאפִין אוּן עֶר הָאט זֵיי פַר נַאנְדֶער גִיטֵיילְט אִיטְלִיכֶען בַּאזוּנְדֶער מִיט זַיינֶע פְּרִיפַּאסִין וָוס פַּאסְט צוּ זַיין קִיוּם וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן אַז עֶס אִיז נִיט קֵיין סוֹף צוּ זַיין הֵיילִיקֶע חָכְמָה אוּן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מה רבו מעשיך ד' כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קניניך הָאבִּין דָאךְ גִידַארְפְט דִיא דָאזִיגֶע מֶענְטְשִׁין נָאךְ צוּא הָאבִּין מֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּ הקב"ה אוּן גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ גָאט וָוס עֶר אִיז דֶער הַאר אִיבֶּער דִי אַלֶע בַּאשַׁאפוּנְג צוּ צִיטֶערְט וֶוערִין פַר זַיין כָּבוֹד אוּן צוּ הִיטִין זִיךְ אוּן זַיינֶע רֵייד נִיט וִוידֶער שְׁפֶּענִיגֶען זֵיי אוּן וִויא דֶער רמב"ם שְׁרַייבְּט אַז אַמֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן [הַיְינוּ עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין צוּ פַר שְׁטֵיין] אִין דֶעם אִיבֶּערְשְׁטִינְס וֶוערְק אוּן אִין אִיבֶּערְשְׁטִינְס רֵייד דַארְף עֶר קְרִיגִין מֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים אוּן דַארְף צוּ צִיטֶערְט וֶוערִין בְּשַׁעַת עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פַר דֶעם אִיבֶּערְשְׁטִין עֶפֶּעס בֶּעטִין עֶר דַארְף פַארְעכֶענֶען וֶוער אִיז עֶר וָוס עֶר בֶּעהְט. עֶר אִיז אַקְלֵיינִיקֶע בֶּערְיֶעצְקֶע אַפִּינְצְטֶרֶע שְׁטֵייט מִיט אַקְלֵיינִיקֶע שֵׂכֶלֶע פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אוּן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת מה אנוש כי תזכרנו וגו' דֶער טַייטְשׁ אִיז אַז אִיךְ דֶער זֶעה דַיינֶע מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ דִיא לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערִין [דָאס אִיז דִיא גְרוֹיסֶע קָאמֶעטִין מִיט דִיא גַלְגַלִים וָוס אִיז נִיטָא קֵיין שִׁיעוּר צוּ זֵייעֶר גְרֵייסְקֵייט] נוּא וָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְקֶעגִין זֵיי. אוּן אִיצְטֶער

בעו"ה

תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו ועתה בעו"ה אנו רואין להיפך כי מי שלא יגע בחכמות וטבעים ועומד בתומתו וישרתו ככל שלומי אמוני ישראל מכיר את אדונו מלכו של עולם וזוכר אותו בכל עת ונזהר לקיים חוקיו ומשפטיו באהבה ואלה החכמים ונבונים ימלא לבם עזות להקל בכבוד מלכו של עולם ית' כ"כ עד שלבושה יחשב להם קיום מאמריו ית'. מה אומר ומה אדבר הדבר הזה יוצא מגדר דעת האנושי אין זה רק ממעשה היצר שמטמטם לבם מעט מעט בנערותם בעונות ופשעים עד שנאבד מהם ההרגש האמיתי לגמרי אבל אוי ואבוי לנפשם אשר לבד עונש החמור של כרת המגיעם מזה העון עצמו ככתוב בתורה עוד יגיעם עונש כרת מביזוי דברי ד' כיון שבושין הן בקיום חוקי האלקים הלא מבזין את דבריו ית' ונאמר בתורה. את דבר ד' בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה. ולמה לא יזכרו האנשים האלה כי לא לעולם חוסן ואור הצלחת השמש לא לעולם יופיע להם בחדרי משכבם. ועליהם לחשוב כי גם בחייהם יגיע להם זמנים אשר יצטרכו לבקש לד' כמו כשיקרה להם איזה מחלה חלילה לעצמם או לבניהם אשר הרבה פעמים נדחתה מהישועה ע"י הרופאים ורק לד' הישועה ובאיזה פנים יבקשו לד' אם רחקו ממנו כ"כ וביזו דבריו ובפרט בזמן חבלי לידה המצוי אל מי תקרא אם לא אל ד' ולמה לא תירא לנפשה פן ידביקו אותה אז עונותיה ותקרא ולא תענה כמו שאחז"ל במסכת שבת (דף ל"ג) ועל כולם הלא יגיע העת אשר כל חמודי התבל יכלו והאדם יתפטר מעולם ההבל אם דל ואם עשיר אם קצין ואם שוטר כולם יובלו לבית הקברות והרוח תשוב אל האלקים

ומה

בעו"ה זעהן מיר פאר קערט אז דער וואס האט ניט גיהארעוועט אויף די אלע חכמות און דיא אלע וויסען שאפט און ער שטייט מיט זיין תמימות וויא אלע גלאטע אידין דער קענט ער דעם אדון העולם און גידענקט אן אים אלע מאהל און ער היט זיך ניט זיין קיין ווידער שפעניגער אנטקעגין אים און ער היט זיך מקיים צו זיין דיא אלע גיזעצין און אלע דינים מיט ליבשאפט און די דאזיגע חכמים איז אקוראט פר קערט זייער הארץ איז פיל מיט עזות מיקל צוא זיין אין דעם כבוד פון מלך העולם אזו פיל אז זיי שעמען זיך גאר מקיים צוא זיין זיינע רייד וואס זאל איך ריידין וואס זאל איך זאגין דיא זאך גייט גאר ארוים פון גדר הדעת דאס איז מער ניט וויא מעשה היצר ער האט פאר שטאפט זייער הארץ פון קליינהייט אן ביסלאך ווייס מיט עונות ופשעים און ווייטער און ווייטער ביז וואגענט זיי האבין אנגיווארען זייער גאנצין אמתין הרגש. אבער אוי ואבוי צו זייער נפש ווארום חוץ דעם עונש כרת וואס זיי וועלין קריגין פאר דעם עון אליין וויא עס שטייט אז דער וואס איז מיט אנדה קומט כרת קומט זיי נאך איין עונש גדול דער פאר וואס זיי זענען מבזה זיינע רייד וויא באלד ביי זיי איז אבושה וחרפה צו מקיים זיין זיינע רייד זענען זיי דאך מבזה זיינע רייד און אין דער תורה שטייט בפירוש כי דבר ד' בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה. איז דער טייטש ער האט מבזה גיוועזין דיא רייד פון גאט און זיינע פאר זאגין האט ער פר שטערט איז דיא עבירה באהעפט אין נפש דער פר ווערט ער פאר שניטין ווערין. ווארום זאלין זיך ניט דער מאנען די מענטשין אז ניט אויף אייביג איז שטארקייט און דיא ליכטיגקייט פון דיא זון וועט ניט אייביג שיינען אין זייערע זאלן. זיי דארפין וויסן אז אפילו לעבעדיגער הייט וועט אויך קומען אצייט וואס זיי וועלין מוזען אנקומען צוא גאט ב"ה דהיינו עס מאכט זיך אמאל אקרענק צו זיי אדער צו זייערע קינדער וואס וויפיל מאל זאגין שוין די דאקטורים אפ און עס וועגט זיך מער ניט נאר אן גאט אליין מיט וואס פאר אצורה וועט ער קענען קומען צו גאט ב"ה אז זיי האבין זיך אזוי דער ווייטערט פון אים און האבין מבזה גיוועזן זיינע רייד. און בפרט בשעת חבלי לידה וואס דאס איז מצוי ביי אלע נשים צו וועמען וועט זיא זיך דערמאנט קערין אז ניט צו גאט טאמער וועט זיך דערמאנט באהעפטין אן איר אלע אירע עונות און זיא וועט שרייען צו גאט און זיא וועט ניט גיענטפערט ווערין וויא די משנה זאגט (שבת דף ל"ג) אז איבער דעם וואס אאשה היט זיך ניט אין נדה און אין אנצינדין לעכט פרייטיג צוא נאכטס אין דער צייט דער פאר שטארבין נוייבער בשעת האבין. און איבער אלע זאכין דארף זיך אמענטש בארעכענען אם וועט קומען אצייט וואס אלע גילוסטיקייט פון דער וועלט וועט פר לענט ווערין און דער מענטש וועט זיך

אפ

ומה ישיב אז לפני כסא המשפט אם ביזה דבר ד' בימי חייו באיזה פנים יעמוד אז לפני מלכו של עולם. מה יגיד אז בהגיע לו עונשין הגדולים מגיהנם אשר שחק והתלוצץ מהם בימי חייו ומה יענה אז כשיקיפוהו חבליו האם גם אז ישחק למו לא לא אחי. כמדומה כי אז לא ישחק אז יבכה יתמרמר ויתודה על שטותו ופתיותו אבל מה יועיל לו אז. דוד מלך ישראל אמר סמר מפחדך בשרי ואחז"ל שקאי על פחד הגיהנם שמדי זכרו אודותו סמר בשרו מרוב הפחד וכן ר' יוחנן בן זכאי שהיה רבן של כל התנאים בכה לפני פטירתו שאמר איני יודע באיזה דרך מוליכין אותי ופן יוליכוהו לגיהנם ח"ו ואלה הנמלים לא ייראו מפני הגיהנם. וראה נא גודל פתיות האנשים האלה כי בעיני העולם מצינו שאם יאמרו לאדם הנוסע בדרך וצרור הכסף בידו כי דרך הזה מסוכן הוא מחיות וליסטים ודרך השני בטוח אף אם לא יאמין לגמרי לדבריהם מ"מ למה לו להביא עצמו לספק סכנה ואף אם דרך השניה רחוקה קצת וקשה אבל בטוחה היא וכ"ש אם יזהירו אותו אזהרות אחר אזהרות הזהר והזהר מללכת בדרך הזה כי הסכנה גדולה אם רק בינת אנוש לו הלא בודאי יעזוב דרך המסוכן ויאחז דרכו בדרך הבטוחה ובענין הזה מתיר האדם לעצמו להכנס בסכנה עצומה כזאת אשר אין ערך ואין שיעור לסכנתו לפי דברי התורה הקדושה ולפי דברי רבותינו החכמים בעלי התלמוד ויתר רבותינו הראשונים שמפקיר נפשו לאבדון בעון זה וידוע מה שכתב הרמב"ן כי שעה אחת בגיהנם קשה מיסורי איוב כל ימיו

---

אף זאגין פון דער וועלט סיי דער אריםמאן סיי דער נגיד אלע וועלין געבראכט ווערין צום בית הקברות און דיא נשמות מוזין זיך אום קערין צו גאט ב"ה וואס וועט ער דענסטמאל ענטפערין פאר דעם היליגין כסא הכבוד אויב ער האט מבזה געווען דעם אייבערשטינס רייד אין זיין לעבין מיט וואס פאר אצורה וועט ער שטיין פאר דעם מלך פון דער וועלט. וואס וועט ער דענסטמאלט זאגין בשעת עס וועט אוף אים אנקומען די גרויסע עונשין פון גהינם מיא וועט אריין לייגין זיין נפש אין די זידיגע טייכען פון פייער מיט שוועבל וואס ער האט פון זיי געלאכט לעכערליכער הייט צו וועט ער דענסטמאלט אויך לאכין גיין בברידער ער וועט דענסטמאלט גאר ניט לאכין ער וועט דענסטמאלט וויינען און וויינען און ער וועט זיך אליין מתודה זיין אוף אלע זיינע עונות און אוף זיינע אלע שטותים אבער וואס וועט שוין דענסטמאלט העלפין. דוד המלך ע"ה וואס ער איז געווען ביי דעם אייבערשטין דער גרעסטער חשוב און איין נביא אויך האט ער געזאגט סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי איז ידוע אז פחד גייט אוף דעם ענין פון גיהנם און ער זאגט אז ווען ער דער מאנט זיך אן גיהנם ווערט אים זיין לייב צו ציטערט פון גרוס שרעק און דער גרעסטער פון אלע תנאים דער היליקער תנא רבן יוחנן בן זכאי האט ער געוויינט פאר זיין פטירה און האט געזאגט איך וויים ניט אין וואסער וועג וועט מען מיך פירין צו אין גן עדן צו אין גיהנם באמער חלילה צום גיהנם ח"ו און דיא מילעלאך זענען ביי זיך בנ"ים און זאגין זיי האבין קיין מורא ניט פארין גיהנם. און זעה נאך דיא נארישקייט פון דיא מענטשין וואָרום אין דיא ענינים פון דער וועלט געפינען מיר אז מיא זאל זאגין צוא א מענטש וואס פאהרט אין וועג און ער האט ביא זיך פיל געלד אז דער וועג איז אמסוכנדיקער פון חיות און פון גזלנים און דר אנדערער וועג איז איין זעכערדיקער איז אפילו ער וועט ניט גלייבין אין גאנצין צו זייערע רייד פון דעסט וועגין וועט ער קלערין צוא וואס דארף ער זיך אריין ברענגען צוא ספק סכנה און אפילו אז דער אנדערער וועג איז אווייטערער אביסיל און אשווערערער ער איז דאך אבער אזעכערדיקער און אפשיטא אז מיא וועט אים פאר זאגין אזהרות נאך אזהרות הזהר והזהר (היט זיך און היט זיך) גיט צו גיין אין דעם וועג וואָרום עס איז אגרויסע סכנה קענסט דאס לעבין אויך פאר שפילין אז ער האט נאר מענטשליכער פאר שטאנד וועט ער בודאי אוועק לאזין דעם סכנהדיקען וועג און גיין אין דעם זעכערדיקען וועג און אין אזעלכע ענין איז זיך דער מענטש מתיר אריין צו גיין אין אזוי אשטארקע סכנה וואס איז ניטא קיין ערך און קיין שיעור צו איר נאך דיא רייד פון אונזער היליגע תורה און פון אלע תנאים און די איבעריגע אלע גרויסע מענטשין פר צייטיגע וואס ער איז מפקיר זיין נפש און דעם נפש פון אלע קינדערליך פון דער וועלט און צוא גיין צו דיא טיפסטע ערטער פון גיהנם ח"ו נאר זעקשין מהר ווייל

ימיו ואיך יתיר לעצמו להכנס בסכנה עצומה כזאת בשביל דברים אחרים שחלילה אינו קשה כ"כ על האדם. ואף אם יכבד קצת הלא שכרו אתו עבור זה בזה ובבא. ואנא אישים נכבדים התבוננו נא בכל אלה דברים הצודקים וחדלו מדרכיכם הרעים ושובו אל ד' אלקי השמים והארץ לשמור חוקיו ומצותיו לטוב לכם כל הימים. סליק:

# פרק י

## בו יבואר סיבת המתרשלים מפני היאוש:

והנה ידעתי גם ידעתי כי ימצאו אנשים בעז"ה אשר יתעוררו ע"י הקונטרס הזה מתרדמתן וירצו לשוב אל ה' שלא לשוב לכסלה עוד אך טענת יאוש יעכבם שיחשבו בנפשם שכיון שכבר עברו על העון הזה כמה עשיריות פעמים שוב אין להם תקנה ע"כ נתייאשו מעצמן וחוזרין והולכין בדרך עקלתון שהלכו עד כה. ובאמת דבר טעות הוא מכמה פנים. א) וכי מי שאכל שום וריחו נודף יחזור ויאכל שום ויהא ריחו נודף יותר הלא ידוע שכמו בב"ד של מטה כשאדם עובר על לאו דאורייתא כמה פעמים במזיד היה נידון בימים הקדמונים על כל פעם ופעם בל"ט מלקות בפ"ע כן הוא נ"כ בדיני שמים בב"ד של מעלה כשאדם עובר עברה קונה לו קטיגור אחד להכאיב נפשו לע"ל בגיהנם ובשארי עונשין וכשהאדם כופל את העברה עוד פעם אחת נברא לו עוד קטיגור חדש להכאיב נפשו וכן הוא בכל פעם ופעם וזהו שנאמר רבים מכאובים לרשע וגו' וא"כ יתבונן בעצמו מה לו להרבות מכאוב לנפשו די לו לסבול המכאובים מהמקטרגים שנבראו ממעשיו הראשונים. ב) שהדבר הזה שהאדם חושב שכבר נעשה רשע ואבד

---

מיר האבין אויבין געשריבין] און דאס איז דאך ידוע וואס דער רמב"ן זאגט אז איין שעה אין גיהנם איז ערגער פר דיא יסורים פון איוב כל ימיו. וויא איז זיך דער מענטש מתיר זיך אריין צו קריכין אין אזא שווערע סכנה איבער אזעלכע קלייניקייט [פון טבילה און נאך דאס גלייכען] וואס דאס איז גאר ניט אזוי שווער מקיים צו זיין. און אפילו אויב עס איז אביסיל שווערליך האט גאט ב"ה צו גיזאגט צו געבין שכר און ער וועט בודאי מקיים זיין און וואס עס זאמט זיך אזא צייט וועט ער דער פר נאכדעם גיוויס אפ געבין מיט גרוס פריצענט (וויא דיא גמרא זאגט אין סנהדרין). איך בעט אייך טייערע מענטשין באטראכט זיך אין דיא אלע וויכטיקע רייד און טרעט אפ פון אייערע שלעכטע וועגין און קערט זיך אום צו גאט וואס ער איז דער גאט פון אלע הימלען און פון דיא ערד צוא היטין זיינע חוקים און זיינע מצות וועט אייך זיין גוט כל הימים:

## פרק י

והנה איך וייס וואל אז עס וועט זיך גיפינען מענטשין בעזה"י וואס זיי וועלין זיך דער וועקין דורך דעם קונטרס און זיי וועלין תשובה טאן צו גאט זייא זאלין מער דאס נארישקייט ניט טאן נאר דיא טענה פון יאוש פאר האלט זיי קלערין זיך וויא באלד זייא האבין עובר גיוועין אויף דעם עון צענדליקע מאלין האבין זיי שוין קיין תקנה ניט על כן זענען זייא זיך גאר מייאש און זייא גייען ווייטער אין דעם קרומען וועג אבער באמת איז דאס א טעות פון אלע זייטין. א) איינם איז צו ווער עס עסט קנאביל און דער ריח שלאגט זייער וועט ער ווייטער עסין זאל נאך מער שלאגין דער דאמפ דאס איז דאך ידוע אקוראט בייא ב"ד של מטה אז א מענטש איז עובר אויף איין לאו וויפיל מאל קומט אים אויף איטליכם מאל באזונדערע מלקות אזוי איז ביי בית דין של מעלה אויך אז ער טוט איין עבירה באשאפט ער זיך איין קטיגור אויף זיך וואס ער זאל אים אנמאכין צרות אין גיהנם אדער אנדערע עונשין און אז א מענטש דאפילט דאס נאך אמאל באשאפט ער ווייטער אנייעם קטיגור וואס ער וועט אים אויך אנטאן יסורים און אזוי איז איטליכם מאהל און דס שטייט אין פסוק רבים מכאובים לרשע וגו' איז דער טייטש פאר דעם רשע איז אן גיגרייט פיל ווייטיגין דהיינו פון איטליכם מאל וואס ער האט עובר גיוועין ואם כן דארף דאך דער מענטש זיך אליין באטראכטען וואס דארף איך מרבה זיין יסורים פר מיין נפש גינוג וועט זיין פר מיר די יסורים וואס איך וועל נעבעך מוזין ליידין פון די מקטרגים וואס זיי זענען באשאפין גיווארין פון די ערשטע ביטערע מעשים. ב) און דס וואס ער קלערט וויא באלד איך האב עובר גיוועין

ואבד שברו ותוחלתו להנקות מעון זה הוא נגד האמת. וזהו גופא עצת היצה"ר שרוצה לצוד לאדם ברשתו ושלא יצא ממנה לעולם. וכבר נמצא טענה זו של היצה"ר בדורות הראשונים שע"ז פיתה אותם לסור מדרך ד' והיתה ע"ז נבואה מיוחדת מד' ע"י יחזקאל הנביא נגד הטעות הזה שנאמר (יחזקאל ל"ג) כן אמרתם לומר פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאום ד' אלקים אם אחפוץ במות הרשע כ"א בשוב רשע מדרכו וחיה. וכן עוד ע"י כמה נביאים הבטיח לנו השי"ת על ענין התשובה ועיקרו של התשובה מבואר בתורתינו הקדושה איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו' והתודו את חטאתם אשר עשו וגו' וכשהוא שב מחטאו מקיים בזה מ"ע דאורייתא כמו שכתב הרמב"ם וכשעושה תשובה גמורה יתרצה בעיני הקב"ה כאלו לא חטא כלל ואין מזכירין לו שום דבר מרשעו כמו שנאמר רשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו. ועיקר התשובה היא חרטה גמורה על העבר וקבלה על להבא. והעיקר שלא יאחר תשובתו ותיכף שעלה על לבו רעיון טהור לשוב לד' יתחזק על יצרו ויגביר שכלו על תאותו ולא יוסיף לעשות העון הזה וכבר כתב החובת הלבבות כי התשובה איננה יוצאה כ"א ממעשינו לא מדברינו כי אם אמור יאמר האדם כמה וידויים ולא יראה לשוב במעשה אינה מועלת כלל וע"ז נאמר יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ד' וירחמהו וגו' ור"ל שמתחלה יעזוב דרך הרשע ואח"כ ישוב לבקש ולהתחנן לפני ד' שימחול לו. וכל פרטי התשובה מבואר בס' נדחי ישראל פרק ל"ד ל"ה ע"ש היטיב:

פרק

---

גיוועו וויפיל מאָל האָב איך שוין אַנגיוואָרין דעם האָפינונג און איך קען שוין קיין מאָל ניט ריין ווערין פון דעם עָון איז דָס נֶגֶד הָאֱמֶת און דאָס אַליין איז דָס די עֵצָה פון דעם יֵצֶר הָרָע וואָס ער וויל פאַנגען דעם מענטש אין זיין נעץ און ער זאָל קיי מאָל ניט אַרויס ראַטעווען זיך און אַזאַ טַעֲנָה פון יֵצֶר הָרָע איז נאָך געווען אין די ערשטע דורות איז דענסטמאָל געווען בכיון אַנבואָה פון גאָט דורך יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא אַנטקעגין די טַעֲנָה שֶׁנֶאֱמַר (יחזקאל ל"ג) כן אמרתם לומר פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאום ד' אלהים אם אחפוץ במות הרשע כ"א בשוב רשע מדרכו וחיה דער טייטש איז איר בֵית יִשְׂרָאֵל זאָגט אונזערע פְּשָׁעִים וַחֲטָאִים איז אויף אונז און דורך זיי וועלין מיר שוין גיוויס אויס גיין און וויא אַזוי קען מען שוין בעסער ווערין און מיר זאָלין לעבין ענטפערט דער אייבערשטער איך שווער איך אויב איך וויל אַז דער רָשָׁע זאָל שטאַרבין איך וויל ער זאָל זיך אום קערין פון זיין שלעכטען וועג און ער זאָל לעבין און אַזוי האָט אונז גאָט ב"ה אָן גיזאָגט דורך כַּמָה נְבִיאִים אויף דעם עִנְיָן פון תְּשׁוּבָה. און דער עִיקָר פון תְּשׁוּבָה איז מְבוֹאָר אין אונזער הייליקע תּוֹרָה איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו' והתודו את חטאתם אשר עשו דר טייטש איז אַמאַנצביל אָדער אַפרוי אויב זיי וועלין טאָן איינע פון דיא עֲבֵירוֹת וָוס מענטשין פאַלין אַריין זאָלין זיי זיך מִתְוַדֶה זיין אויף עָבַר (און אויף לְהַבָּא זאָלין זיי זיך ווייטער היטין) און אַז ער קערט זיך אום פון דיא עֲבֵירוֹת איז ער מְקַיֵים דער מיט אַמִצְוַת עֲשֵׂה פון תְּשׁוּבָה און אַז ער טוט איין אֱמֶתֶע תְּשׁוּבָה ווערט אַזוי באַווילינט ביי גאָט אַקוראַט וויא ער וואָלט גאָר ניט זינדיגין און מיא וועט אים גאָר ניט דער מאָנען קיין מאָל פון זיינע רִשְׁעוֹת וויא עס שטייט רשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו. און דער עִיקָר פון תְּשׁוּבָה ער זאָל האָבין אֱמֶתֶע חֲרָטָה אויף עָבַר און איין אֱמֶתֶע קַבָּלָה אויף לְהַבָּא אַז מער זאָל ער דָס בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט טאָן און דער מענטש דאַרף זייער וויסין אַז וויא עס קומט אים אָן אַרַעְיוֹן פון תְּשׁוּבָה זאָל ער דאָס ניט אָפּ לייגין נאָר ער זאָל זיך באַלד שטאַרקין דעם שֵׂכֶל אויף דעם כֹּחַ הַתַּאֲוָה און ער זאָל שוין מער ח"ו ניט טאָן. דער חובת הַלְבָבוֹת שרייבט אַז תְּשׁוּבָה איז מער ניט נאָר אַז מיא ווערט אַנדערש אין די מַעֲשִׂים ניט מיט רייד אַליין וואָרום אַז אַמענטש זאָל זאָגין וויפיל ווידויים און ער זאָל ניט זעהן אַז די מַעֲשִׂים זאָלין ווערין בעסער העלפט גאָר ניט און אויף דערויף שטייט אין פָּסוּק יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ד' וירחמהו וגו' דיא כַּוָונָה איז ער זאָל פריער אַוועק לאָזין דעם שלעכטען וועג און נאָך דעם זאָל ער זיך אום קערין צו גאָט און בעטין זיך ביי אים ער זאָל אים מוחל זיין. און אַלֶע פְּרָטִים פון תְּשׁוּבָה איז אויס גירעט אין סֵפֶר נדחי ישראל פרק ל"ד ל"ה:

פרק

# פרק יא

## בו יבואר שצריך הבעל לזרז לאשתו בענין זה:

**והנה** מצוי כמה פעמים שהבעל והאשה מחולקים בזה שהבעל איש כשר מצד עצמו ורק האשה היא המתפרצת בענין זה אל יחשוב הבעל בעצמו כי מה אני יכול לעשות הלא צויתי עליה שלא תנהג כן ומה אעשה אם אינה שומעת אבל עליו לדעת כי לא נפטר בזה עדיין ואם צוה ולא שמעה לדבריו אסור לו להיות עמה דכ"ז שלא ספרה ימיה וטבלה כדין הלא ענוש כרת בביאתה. [וענין כרת מבואר לעיל בפרק ג] ואם לא יוכל להיות בפרישות וקטטות יום יום יגרשנה וגירושין כאלה מצוה היא כיון שהיא עוברת על דת והוא כדברי הקרא כי מצא בה ערות דבר [ועיין באבן העזר סימן א' ס"י בהג"ה] אבל הלילה וחלילה לו להכנס בעון כרת בשבילה ואפילו אם לא יהי' לו עצה איך לגרשה ולהפטר ממנה אם לא שתשוב ותחזור מדרכה ותתחיל לנהוג כדין וכדת בנות ישראל הכשירות. אכן מקודם שיגיע לגירושין מצוה עליו להוכיחה בדברים ולהראות לה גדל העונש המגיע עבור זה ואשר גם זרעה היא מכנסת בסכנה במנהג זה כי לכל עון כרת יש בו ערירי. היינו או שלא יהי' להם בנים או שימותו לבסוף בלא בנים יאיזה הפסד יגיע לה אם תשמור המצוה כדין ולמה לה להביט על חברותיה הפרוצות כי בהגיע העונש לא יועילו לה חברותיה כלום וכמש"כ בתהלים אח לא פדה יפדה איש לא יתן לאלקים כפרו. וגם חברותיה אלה יתחרטו לבסוף

בהגיע

---

## פרק יא

וְהִנֵּה עֶס אִיז גִיוֵויינְטְלִיךְ וִויפִיל מָאל אַז דֶער מַאנְצְבִּיל מִיט זַיין פְרוֹיא זֶענֶען נִיט אִין אֵיין דֵעָה אַז דֶער מַאן אִיז אֵיין אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ פוּן זַיין זַייט נָאר דִי אִשָּׁה אִיז פְּרוּצָה זִיא ווִיל נִיט גֵיין קֵיין טְבִילָה זָאל דֶער מַאן נִיט קְלֶערִין בַּיי זִיךְ וָוס קֶען אִיךְ הֶעלְפִין אִיךְ הָאבּ אִיר פַר זָאגְט אַז זִיא זָאל זִיךְ אַזוֹי נִיט פִירִין וָוס זָאל אִיךְ טָאן אַז זִיא פָאלְגְט מִיךְ נִיט אָבֶּער עֶר בּאַרְף ווִיסִין אַז עֶר וֶוערְט נִיט דֶער מִיט פָּטוּר אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט מַאקִי אִיר פַר זָאגְט אוּן זִיא פָאלְגְט נִיט טָאר עֶר מִן הַתּוֹרָה מִיט אִיר נִיט זַיין זִיא קֶען זִיךְ וַואשִׁין אִין זִיבְּצִין וַואגֶעס אוּן אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף גִיסִין טוֹיזִינְד טֶעפּ וַואסֶער כָּל זְמַן זִיא צֵיילְט נִיט אָפּ אִירֶע טֶעג אוּן זִיךְ טוֹבֵל זַיין כַּדִין אִין אֵיין כְּשֶׁערֶע מִקְוָה אִיז דֶער מַאן וָוס לֶעבְּט מִיט אִיר קוּמְט אִים דֶער עוֹנֶשׁ כָּרֵת (אוּן וָואס כָּרֵת אִיז שְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיבִּין אִין דְרִיטִין פֶּרֶק) אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען נִיט זַיין בִּפְרִישׁוּת אוּן מִיט קְרִיג אֵייבִּיג זָאל עֶר זִיא גֶעטִין אוּן אַזַא גֶעט אִיז אֵיין גְרוֹסֶע מִצְוָה ווִיא בַּאלְד זִיא אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם דַת פוּן דֶער תּוֹרָה אוּן דָאס אִיז אַקוּרַאט ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כי מצא בה ערות דבר דָם הֵייסְט עֶר הָאט אִין אִיר גִיפוּנֶען אַמִיאוּסֶע זַאךְ אָבֶּער חָלִילָה וְחָלִילָה עֶר זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען זִיךְ אִין דֶעם עָוֹן פוּן עוֹנֶשׁ כָּרֵת פוּן אִירְט וֶועגִין [אַפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין מִיט אִיר קִינְדֶער דַארְף עֶר זִיךְ מִיט אִיר גֶעטִין אוּן אוֹיבּ אֲפִילוּ עֶר קֶען פוּן אִיר נִיט פָּטוּר וֶוערִין טָאר עֶר אוֹיךְ נִיט וואֹנֶען מִיט אִיר] צַייטִין אַז זִיא וֶועט זִיךְ אוּם קֶערִין פוּן אִיר שְׁלֶעכְטֶען וֶועג אוּן זִיא וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבִּין צוּ פִירִין ווִיא אַלֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער דִי כְּשֵׁרוֹת. נָאר אֵיידֶער עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ גֶעטִין זִיךְ אִיז אַמִצְוָה עֶר זָאל זִיא שְׁטְרָאפֶען מִיט רֵייד אוּן וַוייזִין אִיר דָאס גְרוֹסְקֵייט פוּן דֶעם שְׁטְרָאף וָוס עֶס קוּמְט דֶערוּף אוּן וָוס זִיא בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִירֶע אוֹיךְ אִין אַסַכָּנָה דוּרְךְ דֶעם עָוֹן וָוארוּם צוּם אִיטְלִיכְס עָוֹן וָוס קוּמְט כָּרֵת שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה עֲרִירִי אוּן עֲרִירִי וֶוערְט אָן גִירוּפִין אֵיינְס פוּן דִי צְווֵויי אָדֶער עֶר וֶועט נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא הָאבִּין קֵיין קִינְדֶער אָדֶער אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר אָן וֶועלִין זֵיי צוּם סוֹף שְׁטַארְבִּין וֶועט עֶר בְּלַייבִּין אָן קִינְדֶער. אוּן וָוס פַר אַהֶיזֵק וֶועט זִיא הָאבִּין אַז זִיא וֶועט הִיטִין דִי מִצְוַת טְבִילָה כַּדִין (הַיְינוּ דָם וַואסֶער זָאל זַיין אִיבֶּערִין קָאפּ אוּן מֶען זָאל נִיט אַרוֹיס זֶעהֶן אֵיין הָאר פוּן קָאפּ חוּץ דָם וַואסֶער ווִיא וַוייטֶער וֶועט שְׁטֵיין פֶּרֶק י"ג אות י"ט) אוּן וָוס דַארְף זִיא קוּקִין אוֹיף דִיא חַבֶרְטֶעס דִי פְּרוּצוֹת אַז עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען דֶער זְמַן פוּן עוֹנֶשׁ וֶועט אִיר דִיא חַבֶרְטֶעס נִיט קֶענִין הֶעלְפִין אַהָאר אוֹיךְ נִיט אוּן ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִים אח לא פדה יפדה איש וגו' דֶער טַייטְשׁ אִיז אַבְּרוּדֶער קֶען אוֹיךְ נִיט אוֹיס לֵייזִין וֶוען עֶס קוּמְט דֶער זְמַן פוּן עוֹנֶשׁ ח"ו אוּן דִיא חַבֶרְטֶעס

אליין

בהגיע משפטם אז יתמרמרו על עצמם אשר נפתו מיצרם הרע לסור מדרך ד' התורה והמצוה שצוה את אבותינו וכדברו אליה יום יום כדברים האלה אולי יפעל אצלה שתשוב לשמור הטבילה וכל הדינים בנכון ואז אשרי לשניהם ואם לא יפעל אצלה אז יגרשנה ותקח לה דוגמתה והוא יקח דוגמתו אשה כשירה ויראה ממנה זרע כשר וטוב לו בזה ובבא זכמו שאמר הכתוב אשרי איש ירא את ד' במצותיו חפץ מאוד גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך • זאפשר שיקרה גם להיפך שהאשה כשירה היא ורק הוא כופה לאיסור אז מוטל עליה לתאר לפניו את אשר יאבד עולמו בשעה קלה שילך אחר תאותו ולהיפך אם יתגבר על תאותו אז יקנה עולמו בשעה אחת והיה אם יפעלו הדברים עליו טוב לשניהם ואם לאו אין לה להקל על עצמה לשבת תחתיו כי עון כרת הלא על שניהם הוא ואם כי אשה אינה מחויבת למסור עצמה למיתה כמבואר בפוסקים משום דאינה עושית מעשה אבל אם אינו אונס מיתה מחויבת לעשות כל טצדקי שלא לעבור אף פ"א ותוכל לקבול עליו בפני ב"ד שיגרשנה ואם לא ישמע תניח לו עד שיתרצה לגרשה או שיקבל עליו להניחה לשמור דת משה ולא יכפנה בזמן איסור ואז אשרי וטוב לשניהם :

# פרק יב

## בו יבואר גודל שכר השומר עצמו מזה העון :

**והנה** עד כה ביארנו גודל העון והעונש של איש ואשה שעוברין על איסור זה ועתה נבוא לבאר

---

אַליין וֶועלִין אויך חֲרָטָה הָאבִּין בְּשַׁעַת עֶם וֶועט קוּמֶען דֶער זְמַן פוּן זַייעֶר מִשְׁפָּט וֶועלֶן זֵיי זַיין אוּף זִיךְ אַליין-מִיט גְרוּם פַאר דְרוּם פַר וָואס הָאבִּין זֵיי אָפּ גִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה וָוס גָאט הָאט פַר זָאגְט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין וִויא אִידִין זָאלִין זִיךְ פִירִין אוּף אֵייבִּיג אוּן אַז עֶר וֶועט אַזוֹי רֵיידִין טָאג בַּייא טָאג אַזֶעלְכֶע רֵייד טָאמֶער וֶועט עֶר בַּייא אִיר פוּילִין אַז זִיא זָאל הִיטִין טְבִילָה מִיט אַלֶע דִינִים וָוס דֶער צוּא (וִויא וַייטֶער וֶועט שְׁטֵיין אַז זִיא דַארְף צֵיילִין דִי טֶעג) אוּן דֶענְסְטְמָאלְט וֶועט זַיין וואֹל בֵּיידֶע אוּן אויבּ עֶר וֶועט בַּייא אִיר נִיט פוּילִין זָאל עֶר זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען אוּן גֵיין צוּם ב"ד דֶער צֵיילִין וֶועלִין זֵיי בְּוַדַאי זָאגִין וִויא דֶער דִין אִיז אַז עֶר טָאר מִיט אִיר נִיט זַיין אוּן עֶר דַארְף זִיא גֶעטִין וֶועט זִיא זִיךְ גֶעמֶען אִיר גְלַייכֶען אוּן עֶר וֶועט גֶעמֶען זַיין גְלַייכֶען אֵיין אִשָּׁה כְּשֵׁרָה אוּן עֶר וֶועט פוּן אִיר הָאבִּין בְּוַדַאי אַגוּט קִינְד וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים אשרי איש ירא את ד' במצותיו חפץ מאוד גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך דֶער טַייטְשׁ אִיז וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מוֹרָא פַר גָאט עֶר וִויל זַייעֶר מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת דֶער פַאר וֶועלִין זַיין זַיינֶע קִינְדֶער גְרוֹסֶע גִבּוֹרִים. אַדוֹר פוּן רֶעכְטְפַארְטִיגֶע מֶענְטְשִׁין וֶועט עֶר וֶוערִין גִיבֶּענְטְשְׁט. אוּן אָפְּטְמָאל מאכְט זִיךְ פַר קֶערְט אַזוֹי אַז דִי אִשָּׁה אִיז אַאִשָּׁה כְּשֵׁרָה נָאר דֶער מַאן גֵייט זִיא צוּ אַאִיסוּר דְהַיְינוּ זַיין מִיט אִיר פַאר טְבִילָה אִיז אוּף אִיר מוּטָל זִיא זָאל אִים פַארְזָאגֶער לֵייגִין אַז עֶר קֶען אָנְוֶוערִין זַיין וֶועלְט אִין אַקְלֵיינֶע צַייט אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאךְ גֵיין נָאךְ זַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אויבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוּף אִים קֶען עֶר קוֹנֶה זַיין עוֹלָם הַבָּא אִין אֵיין וַוייְלֶע וֶועט זִיא פוּילִין בַּיי אִים מִיט אִירֶע רֵייד אִיז פַאר בֵּיידֶע גוּט אוּן אויבּ חָלִילָה נִיט טָאר זִיא נִיט מֵיקֵל זַיין זִיצִין אוּנְטֶער אַזַא מַאן אֲפִילוּ זִיא הָאט קִינְדֶער מִיט אִים וָוארוּם דֶער עָוֹן פוּן כָּרֵת לִיגְט אוּף בֵּיידֶע הָנֶם אֵיין אִשָּׁה אִיז דָאךְ נִיט מְחוּיָב זִיךְ מוֹסֵר זַיין לְמִיתָה וואוּ מִיא גֵייט זִיא אוּף אִיסוּרִים מֵחֲמַת זִיא טוּט קֵיין מַעֲשֶׂה נִיט אָבֶער עֶר וֶועט דָאךְ נִיט הַארְגֶענֶען אוּף טוּט אִיז זִיא מְחוּיָב צוּ טָאן אַלֶע עֵצוֹת וָואס זִיא קֶען מִיא זָאל נִיט עוֹבֵר זַיין אֲפִילוּ אֵיין מָאל זִיא קֶען אוּף אִים קְלָאגִין פַארִין רַב פוּן דֶער שְׁטָאט אַז עֶר זָאל זִיא גֶעטִין אוּן אויבּ עֶר וֶועט נִיט פָאלְגִין זָאל זִיא אִים אַוֶועק וַוארְפִין בִּיז וַואנֶענְד עֶר וֶועט מְרוּצֶה וֶוערִין צוּ גֶעטִין זִיא אָדֶער עֶר זָאל אוּף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין בַּיים רַב עֶר זָאל זִיא לָאזִין הִיטִין דֶעם דַת מֹשֶׁה אוּן עֶר זָאל זִיא נִיט גֵייטִין אִין דִיא צַייט וֶוען זִיא אִיז אַטְמֵאָה דֶענְסְטְמָאלְט וֶועט זַיין צוּ בֵּיידֶע גוּט :

## פרק יב

וְהִנֵּה בִּיז אִיצְטֶער הָאבִּין מִיר אַרוּם גִירֶעט וִויא גְרוֹס אִיז דִי עֲבֵירָה אוּן דֶר עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם וָוס אִיז עוֹבֵר אוּף דֶעם אִיסוּר אוּן אִין דֶעם פֶּרֶק וֶועלֶען מִיר וַוייזֶען וִוי גְרוֹים

לבאר למי ששומר עצמו מזה גודל שכרן בעוה"י. א) ראשון לכל מקיימת בזה מה שציותה התורה בדרך כלל לשמור חוקיה ומשפטיה כמו שנאמר ושמרתם את חוקותי ואת משפטי וגו' ועי"ז כרת ד' ברית אתנו בחורב ובערבות מואב ולבד זה היא מקיימת מ"ע דאורייתא בכל עת שתטבול [ולבד מה שמקיימת מצות התורה בעת שסופרת הימים שקודם הטבילה כמו שנאמר וספרה לה וגו'] וכמה מאות מצות יתקבצו לה עי"ז בימי חייה וידוע שמכל מצוה נברא פרקליט אחד [מלאך מליץ] א"כ כמה מאות מלאכים קדושים יש לה שיליצו טוב עבורה בעוה"ז שלא תמות ח"ו על ידי חבלי לידה וכן מכל פגעי הזמן ובפרט בעוה"ב להצילה מגיהנם ולתת לה שכר טוב בג"ע עם כל צדיקים יצדקניות. ב) שע"י שנטהרת מטומאתה ע"י הטבילה וידוע שמכל מצוה שהאדם מקיים ממשיך קדושה. על עצמו כמו דכתי' למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי והייתם קדושים לאלהיכם ובפרט בעניני עריות כשהאדם פורש עצמו מן העבירה נתקדש לד' כמו שאמר הכתוב קדושים תהיו ופירש"י שם הוו פרושים מהעריות ע"ש וממילא ממשיך אח"כ על זרעו נפש קדוש מסיטרא דקדושה שעליהם אמר הכתוב בנים אתם לד' אלהיכם ונאמר ישראל אשר בך אתפאר [היפך מאלו האנשים שמטמאין עצמן באיסור נדה ממשיכין עליהן נפש מסיטרא דמסאבותא וכמו שהבאתי לעיל בפ"ו מזוה"ק ועתידים להיות פושעים ומורדים בהש"י וכמו שאחז"ל על הפסוק וברותי מכם המורדי' והפושעים בי ואחז"ל אלו בני ט' מדות ואחד מהן בני נדה וכמה יתמרמר האדם לבסוף שמלבד שחטא לד' בעון איסור כרת עוד המציא נגדו פושעים ומורדים

---

צוזים דר שכר איז פון דעם וואס היט זיך פון דעם איסור. אנדערשטע זאך איז וואס זיא איז מקיים דר מיט וואס די תורה הקדושה האט פר זאגט בדרך כלל. צו היטען אירע חוקים און אירע משפטים וויא עס שטייט אין פסוק ושמרתם את חוקותי ואת משפטי וגו' אונ אויף דערויף האט גאט ב"ה מיט אונז כורת ברית גיוועזן אויף דעם בארג סיני און אין ערבות מואב. און חוץ דעם איז זיא מקיים איין מצות עשה מן התורה ווען זיא איז זיך טובל ווארום זיא מאכט דאך א ברכה אויף דיא טבילה נאון חוץ וס זיא איז מקיים דעם אייבערשטינס רצון וואס זיא ציילט פריער די ריינע טעג ווי עס שטייט אין פסוק וספרה לה וגו') און וויפל הונדערטע מצות וועט איר אויף געקליבען ווערען אין די טעג פון איר לעבען דורך די מצוה פון טבילה און דאס איז דאך ידוע וואס שטייט אין פרק אבות אז פון איטליכע מצוה ווערט בשאפען פר דעם מענטש א מלאך מליץ היינט וויפעל הונדערטע מלאכים קדושים וועט זיא האבען וואס זאלען מליץ טוב זיין פר איהר אז זיא זאל ח"ו ניט שטארבען פון חבלי לידה אדער פון אנדערע פגעים וואס איז מצוי אויף דער וועלט און בפרט אויף יענע וועלט מציל זיין איהר פון גהינם און צו געבען איר אגרויסען שכר אין גן עדן מיט אלע צדיקים און צדקניות. ב) די אנדערע זאך איז אז דורך דעם וואס זיא ווערט ריין פון טומאה דורך די מצוה פון טבילה און דאס איז דאך בעוואוסט אז פון איטליכע מצוה וואס איד איז מקיים ציהט ער אויף זיך ארוף איין היליקייט ווי עס שטייט אין פסוק למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי והייתם קדושים לאלהיכם דער טייטש איז אז איר וועט גידייגקען און טאן מיינע מצות וועט איר ווערען געהייליגט צוא גאט און בפרט אין דיא ענינים אז א מענטש טוט דעם אייבערשטינס רצון ווערט אודאי ארוף געצויגען אויף אים קדושה [און אויף דעם איז פאראן פסוקים בפירושע] ממילא איז דערנאכמאל אויף דעם נפש וואס דארף געבארען ווערען ציהט ער ארוף אגרויסע קדושה וואס אויף זיי שטייט אין פסוק בנים אתם לד' אלהיכם דער טייטש איר זענט קינדער צו גאט ב"ה און פאראן נאך א פסוק ישראל אשר בך אתפאר דר טייטש איז דר אייבערשטער זאגט דו ביסט אזא ישראל וואס איך קען זיך מיט דיר בערימען סיי אויף דעם הימל פר היילגע מלאכים אוי סיי אויף דר וועלט לעתיד לבוא וועט זיך דר אייבערשטער בערימען פר אלע אומות זעהט ווי א היילגע פאלק איך האב געהאט אז אפילו אין די ערגסטע צייט פון דעסט וועגין האבען זיי פון מיר ח"ו ניט אפ גיטרעטין און גיהיטען אלע מיינע מצות [היפך פון די מענטשן וואס זענען זיך מטמא מיט דעם איסור נדה ציהען זיי ארויף אויף די קינדער א נפש טמא פון מקור הטומאה ווי איך האב אויבין גיבראכט אין זעקסטען פרק פון זוהר הקדוש און זיי זענען אנגעבריים צו זיין פושעים ומורדים אנטקעגין גאט און וויפיל וועט דר דער מענטש קרעכצין צום סוף אז לא די וואס ער האט אליין גיזינדיגט אנטקעגין גאט מיט דעם עון פון כרת האט

ער

ומורדים]. ג) ידוע מה שאמר הגמרא ישב אדם ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה והוא שבא דבר עברה לידו וכובש את יצרו ואינו עובר עליה ואף כאן בענינינו מי שמתחזק על נפשו ומתגבר על צרו שלא לעבור על האיסור הזה שחייבה עליו התורה כרת חושבין לו כאלו מקיים מצוה בפועל ואם היה זהיר בזה כל ימי חייו אין לשער ולהעריך כמה אלפים מצות יתרבה לו עי"ז. וביותר מזה כשהוא דר באיזה מדינה שאנשיה פרוצין ביותר ואצלם הופקר איסור זה לגמרי ומלעיגים ממנו ומאשתו שמחזיקים במצות טבילה כדת התורה והם סובלין עלבון עבור מצות הש"י כמה יגדל שכרן עבור זה לע"ל וכמה יתגדל כבודם שם לנצח וכמאמר הכתוב כי מכבדי אכבד וגו' ובלי ספק שהקב"ה מתפאר בהן למעלה וכמו שאחז"ל על שלשה הקב"ה מעיד ואחד מהן הוא על רווק [אדם בחור] הדר בעיר ואינו חוטא ומה שאמר הדר בעיר משום דשם מצוי הרבה עניני פריצות שגורם לאדם עי"ז לחטוא בעריות והוא כובש את יצרו ואף כאן בענינינו כשהוא רואה הרבה והרבה מחביריו שכולם הופקר אצלם דברי הש"י ועוברים על איסור זה בשאט נפש ולועגים עליו על שאינו עושה כמעשיהם והוא מתחזק על נפשו לכבוד הש"י שלא לשמוע לדבריהם וכן אשתו מסכמת לו בזה ומקיימת מצות טבילה כדת התורה בודאי הם לאות ותפארת למעלה [וכמו דאיתא במדרש רות שבכל מוצאי שבת יושב הקב"ה ואליהו הנביא ומלך המשיח תחת עץ החיים בג"ע והם כותבין עושי המצות והקב"ה חותם על ידיהן

---

ער נאך ארויס געבראכט אויף דער וועלט פושעים און מורדים ר"ל]. ג) די דריטע זאך איז וואס די הייליגע גמרא זאגט אז א מענש האלט זיך איין פון א עבירה בשעת זיא קומט אים צו דער האנט און שטארקט זיך אויף דעם יצה"ר און טוט ניט וועט מען אים רעכענען ווי ער טוט איין מצוה בפועל הייגט דא אויך אין אונזער ענין דער וואס שטארקט זיך אויף דעם יצה"ר ער זאל ניט עובר זיין אויף דעם איסור וואס גאט ב"ה איז אויף דעם אזוי גרויסער מקפיד וועט מען אים גיוויס רעכענען ווי ער איז מקיים א מצוה בפועל און אוב ער איז אין דעם גיווען גיהיט אלע טאג פון זיין לעבין קען מען גאר ניט משער זיין וויפעל טויזענדע מצות וועט אים צוא קומען דורך דעם און ממילא פר שטייט מען וויפיל טויזענדער מלאכים קדושים וועט ער האבען פאר זיך. און נאך מער אויב ער וואוינט אין איין מדינה וואס אירע מענטשען זענען פרוצים זייער און ביי זיא איז דער איסור הפקר און זיי לאכען נאך פון אים מיט זיין ווייב וואס זענען זהיר אין די מצות טבילה זוי דער דין איז און זייא ליידין בזיון דורך דיא מצות פון גאט ב"ה וויא גרויס וועט זיין זייער שכר לעתיד לבא און וויפיל וועט גיגרויסט ווערין זייער כבוד דער פאר אויף אייביג און וויא עס שטייט אין פסוק כי מכבדי אכבד וגו' דער טייטש איז גאט ב"ה זאגט ווער עס גיט מיר כבוד וועל איך אים אליין געבין כבוד וקען מען זיך משער זיין אז גאט ברוך הוא וועט זיי אליין געבען כבוד פאר אלע מלאכים פון הימל פר אלע עולמות וויא גרויס וועט זיין דער כבוד] און בלי ספק אז הקב"ה וועט זיך מיט זייא בערימען למעלה אויף דעם הימעל וויא דיא גמרא זאגט אויף דרייא זאגט דער אייבערשטער אליין עדות אויף אויגען מענטשען וואס ער וו"גט אין א גרויסע שטאט וואס דארטען איז מצוי דער ענין פון זנות און ער זעהט פיהל פון זיינע חברים זענען עובר און ער האלט זיך איין איז גאט ב"ה אליין אויף אים מעיד פאר אלע מלאכים וואס פאר א פיינער מענטש ער איז. איז דאך דאס זעלבע אין אונזער ענין אז ער זעהט פיהל פון זיינע חברים אז ביי אלעמען איז גיווארען הפקר דיא רייד פון הקב"ה און זענען עובר אויף דעם איסור מיט מוטוויליקייט (במזיד) און זיי לאכען נאך פון אים וואס ער טוט ניט וויא זייערע מעשים און ער שטארקט זיך לכבוד השם ניט צו פאלגען זייערע רייד און זיין ווייב איז אויך מסכים מיט אים און זיא איז מקיים טבילה וויא דער דין איז פון דער תורה ווערען זייא בודאי אויבען פאר שריבען לאות ותפארת [און וויא עס שטייט אין מדרש רות אז אלע מוצאי שבת איז הקדוש ברוך הוא מיט אליהו הנביא און מיט דעם מלך המשיח אין גן עדן תחת עץ החיים און אליהו מיט דעם מלך המשיח פאר שרייבען אין ספר הזכרון ווער עס האט געטאהן דעם אייבערשטינס מצות און הקב"ה חתמת אונטער אז דאס איז וואס שטייט אין פסוק ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ד' ולחושבי שמו] נם עס ווערט געהייליגט דעם אייבערשטינס

ידיהן הוא שנאמר ויכתב בספר זכרון לפניו וגו'] וגם מתקדש על ידן שם שמים למטה. ודע דאף הלעג ההוא אינו אלא בתחלתו אבל בהמשך הזמן יופסק הלעג ואדרבה יתפרסם בעיניהם לתפארת שהוא שומר דתו באמונה ובודאי ימצאו עוד כמה אנשים שיתנהגו ג"כ כמותו ואז לבד שיקבל שכר עבור עצמו וכנ"ל עוד יקבל שכר עבור כל אחד מהם. ד) דע עוד דמי שמתגבר על יצרו לכבוד קונו וניצל מן העבירה זכותו קיימת לנצח עבור זה אף לכל דורותיו הבאים אחריו [וכדאיתא בספרא בויקרא ר' יוסי אומר אם אתה רוצה לידע מתן שכרן של צדיקים צא ולמוד מאדם הקדמוני שעבר על מצוה אחת ראה כמה מיתות נקנסו לו ולדורותיו ולדורי דורותיו עד סוף כל הדורות עאכ"ו במדה טובה המרובה שע"י מצוה אחת מזכה לו ולדורותיו ולדורי דורותיו עד סוף הדורות] ובודאי יזכהו הש"י שיהיו בניו מגבורי ישראל [היינו הגבורים האמיתים כנגד יצרן וכמאמר התנא איזהו גבור הכובש את יצרו] ויזכו לעשות תמיד הטוב והישר בעיני ד' כמו שאמר הכתוב אשרי איש ירא ד' במצותיו חפץ מאוד מה כתיב בתריה גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך וכה"ג איתא במדרש רבה פרשה תזריע לעניין יהויכין מלך יהודה שנשבע עליו הקב"ה שיכרית זרעו כמו שנאמר (ירמיה כב) אם יהי' כניהו בן יהויקים וגו' ואחרי כן כשתפסו נבוכדנצר והושיבו במאסר לבדו ובהמשך הזמן ממילא היה נכרת זרע דוד כי שאר זרע דוד כרת מכבר ובקשו הסנהדרין לרעותה של אשת נבוכדנצר שתבקש אותה שתבקש מנבוכדנצר שיתנו ליהויכין אשתו עמו ג"כ בחדרו שם וכן היה שהרשה לשלשל לו אשתו דרך גג בית האסורין שלו כי נבוכדנצר לא פתח אסיריו ביתה וכשבא להזדקק לה אמרה לו טיפה קטנה של דם ראיתי ותיכף פירש ממנה

---

אִיבֶּערְשְׁטִינְם נָאמֶען דוּרְךְ זֵייא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דֶער פַאר וֶועט דֶער אִיבֶּערְשְׁטֶער זַיי הֵיילִיגֶען וַויא עֶם שְׁטֵייט ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ד' מקדשכם דֶער טַייטְשׁ אִיז דֶער אִיבֶּערְשְׁטֶער פַר לַאנְגְט אִיךְ זָאל נִתְקַדֵּשׁ וֶוערֶן בַּיי אַייךְ דֶר פַר וֶועל אִיךְ אַייךְ מְקַדֵּשׁ זַיין. אוּן זָאלְסְט וִויסֶן אַז דָם לַאכֶן אִיז אוֹיךְ מֶער נִיט אִין אָנְהֵייבּ אָבֶּער בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן וֶועט זִיךְ דָם לַאכֶן אוֹיךְ אוֹיף הֶערִין אוּן אַדְּרַבָּה דֶר מֶענְטְשׁ וֶועט נִתְפַּרְסֵם וֶוערִין אִין זַייעֶרֶע אוֹיגֶן לְתִפְאֶרֶת אַז עֶר הִיט זַיין דַת בֶּאֱמוּנָה אוּן עֶם וֶועט זִיךְ בְּוַדַאי גֶעפִינֶען נָאךְ כַּמָּה מֶענְטְשֶׁן וָאם וֶועלֶן זִיךְ אוֹיךְ פִירֶען וִוי עֶר אוּן דֶענְסְטְמָאל אִיז חוּץ וָוס עֶר וֶועט מְקַבֵּל זַיין שְׂכַר פַאר זִיךְ עֶר וֶועט נָאךְ מְקַבֵּל זַיין שְׂכַר פַאר אִיטְלִיכֶען בֶּעזוּנְדֶער וָואם גֵייעֶן דוּרְךְ אִים אִין דֶעם אִיבֶּערְשְׁטִינְם וֶועג. ד) דִיא פֶערְטֶע זַאךְ דֶער וָוס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף דֶעם יצה"ר לְכָבוֹד הקב"ה אוּן עֶר אִיז נִיצוֹל גְוָוארֶן פוּן עֲבֵירָה אִיז זַיין זְכוּת לֶעבְּט אֵייבִּיג אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת וָוס וֶועלֶן אַרוֹם קוּמֶען פוּן אִים וִוי עֶם שְׁטֵייט אִין סֶדְרָא וַיִּקְרָא אוּן גָאט ב"ה וֶועט אִים בְּוַדַאי מְזַכֶּה זַיין אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלֶען זַיין פוּן יוּדֶעשֶׁע גִבּוֹרִים הַיְינוּ דִיא אֱמֶתֶע גִבּוֹרִים אַנְטְקֶעגִין דֶעם יצה"ר וִוי עֶם שְׁטֵייט אִין אָבוֹת איזהו גבור הכובש את יצרו דֶר טַייטְשׁ אִיז וֶוער אִיז דֶער אֱמֶתֶער גִבּוֹר דֶער וָואם שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דֶעם יצה"ר] אוּן כֵּי האי גוונא אִיז דָא אִין מדרש רבה פרשת תזריע אַנְטְקֶעגִין יְהוֹיָכִין מֶלֶךְ יְהוּדָה וָוס הקב"ה הָט אוֹיף אִים גֶעשְׁרִיבֶּן אַז עֶר וֶועט פַר שְׁנַיידֶן זַיינֶע קִינְדֶער וִוי עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אם יהיה כניהו בן יהויקים וגו' אוּן נָאכְדֶעם אַז נְבוּכַדְנֶצַר הָט אִים אַרַיין גִיחַאפְּט אוּן הָאט אִים אַרַיין גִיזָעצְט אִין תְּפִיסָה אוּן בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן מִמֵּילָא וָואלְט קַאלְיֶיע גְוָוארֶען זֶרַע דָוִד וָוארוּם דִי אִיבֶּערִיגֶע פוּן זֶרַע דָוִד הָט עֶר פְרִיעֶר אוֹים גֶהַרְגֶעט הָאבֶּן דִיא סַנְהֶדְרִין גִיבֶּעטֶן דִיא גִיזֶעלִינְטֶע פוּן נְבוּכַדְנֶצַרְם ווייבּ אַז זִיא זָאל בֶּעטִין אִיר אַז זִיא זָאל בֶּעטֶן בַּיי נְבוּכַדְנֶצַרִין אַז מִיא זָאל צוּ לָאזֶן זַיין ווייבּ צוּ אִים הָאט מֶען אִיר אַרַיין גִילָאזִין צוּ אִים אִיז בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיט אִיר לֶעבֶּען זָאגְט זִיא צוּ אִים אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶן אַהָארֶעלֶע בְּלוּט דַארְף מֶען דָאךְ צֵיילֶען דִיא טֶעג אוּן מִיא דַארְף זִיךְ טוֹבֵל זַיין הָאט עֶר תֵּיכֶּף פוּן אִיר אָפּ גִיטְרֶעטִין הָאט גָאט ב"ה גֶעזָאגְט בַּיי מִיר אִין מַיין לַאנְד הָאט אִיר מַיין תּוֹרָה נִיט גֶעוָואלְט הִיטֶען אוּן אִיצְטֶער אִין אַזָא בִּיטֶערֶע צַייט הָאט אִיר חֲרָטָה אוּן ווילְט הִיטֶען דִיא תּוֹרָה הָאט דֶער אִיבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן הָאט מַתִּיר גֶעוֶוען זַיין שְׁבוּעָה בַּיי פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה אוּן עֶם אִיז בַּייא אִים גִיבָּארֶען גֶעוָוארֶען זְרוּבָּבֶל אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַגְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארֶען דֶער אַנְדֶערֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נֶעהְן מִיר דֶער פוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אִין

לכבוד

מִמנה עד שתסבור ימיה ותמבול ואמר הקב"ה בארצי לא שמרתם תורתי ועכשיו חזרתם מדרככם הרע ונתמלא הקב"ה רחמים עליו ונשאל הקב"ה על שבועתו לפני פמליא של מעלה ונולד אח"כ ליהויכין בן אשר האיר לכל ישראל אשר על ידו נבנה הבית שני והוא זרובבל בן שאלתיאל והוא הוא נחמיה בן חכליה כמו שאחז"ל ותחת שאמר עליו הקב"ה בתחלה כי אם יהיה בניהו בן יהויקים חותם על יד ימיני משם אתקנך נאמר עליו לבסוף ושמתיך כחותם (חגי ב׳ כ"ג) . הנך רואה מזה את בירור דברינו שתחת שהאדם מתגבר על יצרו לכבוד הש"י בזכות זה יצאו ממנו אנשים המאירים להעולם בתורתם ובצדקתם והוא מדה במדה דע"י עריות נולדו רשעים גמורים ועליהם נאמר וברותי מכם המורדים והפושעים בי וכנ"ל ובזכות זה ששומר עצמו מלהרבות פושעים ומורדים נגד הש"י ותורתו יתן לו הש"י בנים צדיקים וחסידים ויתפרסם שמם לתהלה בקרב הארץ ומה מאוד ישמח לב האב ע"ז בזה ובבא כמו שאמר הכתוב בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני . סליק :

# פרק יג

## בפרק זה יבואר כמה ענינים עקרים בהלכות נדה :

**והנה** עד כה ביארנו עצם חיוב טבילה לאשת נדה ועתה נבאר כמה ענינים עקרים מהלכות נדה אשר צריכה כל אשה לידע אותם וראה ראינו שאף נשים צדקניות שאינן רוצות לחטוא ח"ו מ"מ יש כמה מהן שנכשלות בעון חמור הזה של איסור נדה בין באופני הבדיקה שאינן יודעות כלל מדין הפסק טהרה ובין בעניני טבילה וכדומה לזה. והסיבה לזה מפני שלא למדו הלכותיה ויש מהן הרבה שאין להן אבות שילמדו להן וע"כ הדבר הזה הוא בנסי׳ להן ואינן יודעות שיש בהלכות נדה כמה ענינים אשר בעיני האדם נראה שהוא דבר קל ובאמת הוא דבר חמור מאוד שנוגע לאיסור כרת ר"ל ועל ידי כן בא האדם אח"כ לצרות קשות ורעות וגם הבנים אשר יולידו נחשבי׳ בני נדות אשר הם כגומי׳ ומתועבים כידוע וגם ידוע מה דאיתא במשנה שהסיבה הראשונה שנשים

---

לְכָבוֹד הַשׁ"י נִיט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם אִיסוּר מַאכְט דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם מֶענְטְשֶׁען גְרוֹיסֶע לַייט וָואס זַייא דֶער לַייכְטֶען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַייעֶר תּוֹרָה אוּן מִיט זַייעָרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים. סליק :

## פרק יג

וְהִנֵּה בִּיז אִיצְט הָאבֶּען מִיר אַרוֹם גֶערֶעט דֶעם חִיוּב פוּן טְבִילָה צוּ אַיין אִשָּׁה נִדָּה אוּן אִיצְט וֶועלֶען מִיר אַרוֹם רֵיידִין אַיינְצִיגֶע נֵייטִיגֶע דִינִים פוּן הִלְכוֹת נִדָּה וָואס אִיטְלִיכֶע פְרוֹיא דַארְף דָאס וִויסֶען. אוּן מִיר הָאבֶּען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַז אֲפִילוּ דִיא פְרוּמֶע פְרוֹיעֶן וָואס זַייא ווִילֶען חָלִילָה נִיט זִינְדִיגֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיזְט פַאר הַאנְדֶען פִיהְל וָואס וֶוערֶען גֶעשְׁטְרוֹיכִילְט אִין דֶעם הַארְבֶּען עָוֹן פוּן „אִיסוּר נִדָּה סַייא אִין דִיא אוֹפַנִים פוּן בּוֹדֵק זַיין זִיךְ זַייא וֵוייסֶען נָאר נִיט דִיא דִינִים וִויא מֶען דַארְף זִיךְ פִירֶען בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט דֶעם אַבְצוּג אוּן סַייא אִין דִיא עִנְיָנִים פוּן טְבִילָה גּוּפָא אוּן נָאךְ אַזוֹיא אַגְלַייכִינֶעשׂ. אוּן דִיא סִיבָּה דֶער פוּן אִיז וַוייל זַייא הָאבֶּען קֵיין מָאהְל נִיט גִילֶערְינְט דִיא דִינִים דֶער פוּן עֶס אִיז פַאראַן פִיהְל וָואס זַייא הָאבֶּען נִיט קֵיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער זַייא זָאלֶען זַייא לֶערְנֶען עַל כֵּן אִיז דִיא זַאךְ בַּייא זַייא גְרִינְג אוּן זַייא וַוייסֶען נִיט אַז אִין דִיא הֲלָכוֹת גִיפִינְט זִיךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס בַּיי אַיין מֶענְטְשֶׁען קוּמְט אוֹיס אַז דָס אִיז אַגְרִינְגֶע זַאךְ אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָס זֵייעֶר אַהַארְבֶּע וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ אַיין עוֹנֶשׁ פוּן כָּרֵת אוּן דוּרךְ דֶעם קוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְדֶעם צוּ בְּמָה בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן דִיא קִינְדֶער וָואס וֶוערִין גֶעבָּארֶען וֶוערֶען גֶערֶעכִינְט פַאר בְּנֵי נִדוֹת וָואס זַייא זֶענֶען פְּגוּמִים אוּן אוּמְווִירְדִיקֶע וִויא עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט אוּן דָאס אִיז דָאךְ יָדוּעַ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער מִשְׁנָה אַז דִיא עֶרְשְׁטֶע סִיבָּה וָואס וַוייבֶּער שְׁטַארְבֶּען בְּשַׁעַת זַייא הָאבֶּען אַקִינְד וַוייל זַייא זֶענֶען נִיט גִיהִיט גִיוֶוען אִין אִיסוּר נִדָּה אוּן אֲפִילוּ דִיא אִשָּׁה וָואס מִיא לָאזְט אִיר לֶעבֶּען אוּן זִיא אִיז נִיט גִישְׁטָארְבֶּען בְּשַׁעַת הָאבִּין דָאס קִינְד דַארְף זִיא וִויסֶען אַז זִיא אִיז נָאךְ אָהְן גֶעבְּרַייט צוּא גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אִיטְלִיכֶען

שנשים מתות בשעת לידתן הוא מפני שאינן זהירות בנדה. ואפילו אותה האשה שמניחין אותה בחיים ולא מתה בעת לידתה צריכה לידע שהיא מזומנת עוד לעונש גדול וליסורים גדולים לעוה"ב ותצטרך ליתן דין וחשבון על כל פעם ופעם שלא היתה זהירה כדין וע"כ הדפסתי בקיצור איזה הלכות הנחוצים מאד לידע למעשה וכל אשה תקח לה מועד לקרותם וליזהר מאד שלא לסור מזה אפילו כמלא נימא. ומי שאינה יודעת לקרות בעצמה להבין תבקש אשה אחרת שתאמר לפניה ותסביר לה הדבר והעיקר שלא תמנע מדבר זה מחמת בושה ותשער בעצמה אלו היתה צריכה לאיזה טובה שנוגע לה בעניני החיים שלה בעוה"ז בודאי לא היתה מתביישת וכפרט בדבר זה שנוגע לעוה"ז ולעוה"ב וגם נוגע לבניה שלא יהיו פושעים ומורדים בה' וכמו שכתבנו בודאי צריכה שלא תתבייש וכל איש מחויב לראות שתהיה אשתו בקיאה היטב באלו הלכות. וטוב ונכון שקודם שנכנסות בנות ישראל לחופה. אבותיה או קרוביה יבררו לה איזה עקרים מהלכה זו אותן הדינים שצריכה להן לידע ובזכות זה יתברכו ממעין הברכות ויזכו לבנים ת"ח ואריכות ימים:

א.

כל איש מחויב לפרוש מאשתו סמוך לוסתה היינו סמוך לזמן שהיא רגילה לראות ואפילו עדיין לא ראתה ואם אין לה זמן קבוע לזה צריכה לשאול אצל מורה הוראה איך לנהוג עם הפרישה שלה:

ב.

כל אשה שצריכה לשאול שאלה בעניניה איננה רשאה לשאול אצל אשה אחרת כ"א אצל מורה הוראה. ולמע"ה שאשה לא תרהיב בנפשה לפסוק איזה דין:

ג.

כל אשה שמרגשת שנפתח רחמה או שיצתה ממנה ליחה צריכה תיכף לבדוק עצמה בחתיכת בד נקי וכשתמצא איזה דבר לח אם היא לבנה לגמרי טהורה ואם אינו כך או שנפתחה רחמה ובדקה ולא מצאתה אח"כ כלום צריכה לשאול שאלה וכן אם לא בדקה תיכף

---

איטליכעם מאל וואס זיא האט זיך ניט גיהיט ווי דער דין איז וועט זיא דארפין ליידין ח"ו גרויסע יסורים לעוה"ב ע"כ האבין מיר גידרוקט איינינגע דינים וואס מיא דארף זייא וויסין למעשה אונ איטליכע אשה דארף זיך נעמען צייט דורך צו לערנען דאס כדי זיא זאל זיך וויסין וויא צו פירין. אונ דיא וואס קענען אליין ניט פאר שטיין צו לייענען זאל זיא בעטין דיא אנדערע אשה זיא זאל פאר איר לייענען אונ געבען איר צו פארשטיין. אונ דער עיקר איז זי זאל זיך ניט מונע זיין דער פון מחמת בושה אונ זיא זאל זיך משער זיין וויא איז אז עס וואלט זיך מאכין אנייטיגע זאך וואס איז נוגע אין דיא גאנצע חיונע פון דער וועלט וואלט זיא דאך בודאי ניט שעמען כ"ש דיא זאך וואס איז איר נוגע אין דיא וועלט אונ יענע וועלט אונ מכח אירע קינדער זאלין ח"ו ניט זיין קיין פשעים דארף זיא זיך אודאי ניט שעמען. אונ איטליכער יוד איז מחוייב צו זעהן אז זיין ווייב זאל וויסין דיא אלע דינים. אונ דער יושר איז אז איידער בנות ישראל גייען לחופה זאלין איר אירע עלטערין אדער קרובים זאגין איר די נייטיגע דינים פון דיא הלכה. אונ בזכות דעם וועלין זיא געבענטשט ווערין פון קוואל פון ברכות:

א.

יעדע אשה איז זיך מחויב אפ צו שיידען פון איהר מאן ווען עס קומט אוים איהר (וסת) דאס מיינט מען ווען זיא איז גיוואהנט צו זעהן אפילו אז זיא האט נאך ניט גיזעהן אונ אז זיא האט נישט קיין גיזעצטע צייט מוז זיא פרעגין א שאלה ביא מורה הוראה וויא זיא זאל זיך נוהג זיין מיט דעם אפ שיידען:

ב.

יעדער אשה וואס דארף פרעגען א שאלה טאר זיא נישט פרעגען ביא קיין אנדערע אשה. נאר ביא איין מורה הוראה. אונ למע"ה קיין פרויא זאל נישט דער וועגען צו פסקענען:

ג.

יעדע פרויא וואס זיא האט גישפירט אז איהר מוטער אדער גיבירט האט זיך גיעפינט. אדער זיא שפירט אז עס איז עפעס אפ גיגאנגען פון איהר, מוז זיא זיך באלד גוט בודק זיין מיט א ריין טיכעל, אונ ווען זיא גיפינט אנאסקייט אונ עס איז גאנץ קלאהר איז זיא טהור. אבער ווען עס איז נישט גאנץ קלאהר אדער אפילו זיא געפינט גאר נישט מוז זיא מאכען א שאלה

תוכף משנפתחה רחמה צריכה ג"כ לשאול שאלה:

## ד.

**בזמן** שהיא טמאה בין מדם בין מכתם עד אחר הטבילה צריכה להיות מרוחקת מבעלה שלא יגעו זה בזה. היא אסורה לישן על מטתו וכן הוא על מטתה אף שלא בפניה וכ"ש כשגם היא שוכבת שם בודאי אסור להם לישן יחד אף כשהם מלובשין בבגדיהם והעון מזה גדול מאד ויש עבור זה עונש גדול והובא בסה"ק שדומה זה לאחד שמגלגל עצמו בבית הכסא. וגם צריכין ליזהר כל זמן נידותה קודם הטבילה שלא להושיט או לזרוק שום דבר מידה לידו, ויהיו זהירין שלא יראה בשרה במקום המכוסה. ולא ישחקו שניהם יחד ולא ידברו דברי היתול וקלות ראש ולא יאכלו ביחד מכלי אחד והוא אסור לאכול או לשתות מהמאכל או מהמשקה שנשאר ממנה אך אם שפכו אל כלי אחר מותר לו לאכול או לשתות. בכל אלו הדינים אין חילוק בין הימים שרואה בהם דם ובין הימים שסופ"ת השבעה נקיים כי כל זמן שלא טבלה הרי היא נדה גמורה לכל הדינים ולמעה"ש שלא יקילו עצמן בכל אלו הדברים [ועוד בהרבה דברים המובא בגמ' ופוסקים שנדה אסורה לעשות לבעלה] כי הם עבירות גדולות ולא יטמאו ח"ו את ימיהם:

## ה.

### דיני הפסק טהרה

**כל** אשה שנטמאת מדם או מכתם יכולה לעשות ההפסק טהרה ביום החמישי אם פסק מלזוב דמה היינו אם נטמאת ביום א' תוכל לעשות ההפסק טהרה ביום ה' ולמעה"ש ליזהר היטב שיהיה ההפסק טהרה כדין כמו שנכתוב בסמוך:

## ו.

**בדיקת** ההפסק טהרה צריכה להיות סמוך לשקיעת החמה שהוא ערך שעה קודם הלילה. ואם היה בין השמשות צריכה לשאול שאלה אצל מורה הוראה

---

אַ שַׁאֲלָה. דֶעם גְלַייכֶען אַז זִיא הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאלְד בּוֹדֵק גִיוֶועזֶן מוּז זִיא אוֹיךְ מַאכִין אַ שַׁאֲלָה:

## ד.

וֶוען זִיא אִיז טָמֵא סַייא פוּן דַם אָדֶער פוּן אַיין פְלֶעק בִּיז נָאךְ דִיא טְבִילָה מוּז זִיא זַיין דֶער וַוייטֶערְט פוּן אִיר מַאן, זַייא זָאלִין זִיךְ נִישְׁט אָהן רִירֶען אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין עֶר טָאר נִישְׁט שְׁלָאפִין בַּייא אִיהר אוֹיפִין בֶּעטִיל וֶוען זִיא אִיז אֲפִילוּ נִיטָא אוּנ בִּפְרַט אַז זִיא אִיז אוֹיךְ דָא טָארִין זַייא בְּוַודַאי נִיט זַיין אִין אַיין בֶּעטִיל אֲפִילוּ אַז זַייא זֶענֶען בֵּיידֶע אָהן גִיטָאהן דִיא עֲבֵירָה אִיז דֶער פוּן זֵייעֶר גְרוֹיס דָאס אִיז דֶער פַאר דָא אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער עוֹנֶשׁ וֶוערְט גִיבְּרַאכְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא מִיא וַואלְגֶערְט זִיךְ אִין אַיין בֵּית הַכִּסֵא גַם דַארְף מֶען זִיךְ הִיטִין אִין דֶער צַייט וָואס זִיא אִיז אַיין נִדָה נִיט דֶער לַאנְגֶען אָדֶער וַוארְפִין קַיין שׁוּם זַאךְ אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין, זַייא זָאלִין זַיין גִיהִיט אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהְן אִיר פַאר בָּארְגֶען לַייבּ זַייא זָאלִין נִישְׁט לַאכֶען צוּ זַאמֶען אוּנ נִיט עֶסֶען צוּ זַאמֶען פוּן אַיין כְּלִי עֶר טָאר נִישְׁט עֶסֶען אָדֶער טְרִינְקֶען פוּן דֶער כְּלִי וָואס זִיא לָאסְט אִיבֶּער, נָאר אַז מֶען הָאט אִיבֶּער גִיגָאסֶען אִין אַיין אַנְדֶערֶע כְּלִי מֶעג עֶר שׁוֹין עֶסֶען אָדֶער טְרִינְקֶען, עֶס אִיז נִיט קַיין (חִילוּק) אוּנְטֶערְשִׁיד סַייא דִיא טֶעג וָואס זִיא זֶעהְט דַם. אוּנ סַייא דִיא טֶעג וָואס זִיא צֵיילְט שׁוֹין דִיא רַיינֶע טֶעג בִּיז זִיא גֵייט טְבִילָה אִיז זִיא נָאךְ אַרֶעכְטֶע נִדָה קֶענֶען אַלֶע זַאכֶען לְמעה"ש נִישְׁט צוּ פֶערְגְרִינְגֶערִין זִיךְ נָאהר שְׁטַארְק אָפּ גִיהִיטֶען צוּ זַיין אִין דִיא אַלֶע דִינִים. וָוארוּם דָאס אִיז גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת. זַייא זָאלִין ח"ו זֵייעֶרֶע יָאהְרִין נִישְׁט פַאר זִינְדִיגֶען:

## ה.

### דִינִים פוּן אָפּ צִיעֶן.

יֶעדֶע אִשָׁה וָואס אִיז טָמֵא גִיוָוארִין פוּן דַם, אָדֶער פוּן אַיין פְלֶעק, קֶען זִיא מַאכִין דֶעם אָבְּצוּג אִין פִינְפְטֶען טָאג. אוֹיבּ עֶס הָאט שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט צוּ גֵיין פוּן אִיהר דַם. הַיְינוּ אוֹיבּ זִיא אִיז טָמֵא גִיוָוארִין זוּנְטִיג קֶען זִיא מַאכֶען דֶעם אָבְּצוּג דָאנֶערְשְׁטִיג למע"ה ולמע"ה גוּט גִיהִיט צוּ זַיין אַז דֶער אָבְּצוּג זָאל זַיין רִיכְטִיג כְּדִין וִויא וַוייטֶער וֶועט שְׁטֵיין:

## ו.

דֶער אָפְּצוּג דַארְף זַיין אֵיידֶער דִיא זוּן גֵייט אוּנְטֶער דָאס אִיז אִין עֶרֶךְ אַיין שָׁעָה פַאר נַאכְט. אוּנ אוֹיבּ עֶס אִיז גִיוֶועזֶן וַוייניגֶער וִויא אַיין הַאלְבֶּע שָׁעָה פַאר נַאכְט דַארְף זִיא פְרֶעגֶען אַ שאלה (אוּנ וָואס אִין סָפֵק

הוראה [ומה שכתוב בספר מעין טהור אחר בין השמשות הוא טעות הדפוס]:

ז.

ההפסק טהרה צריך להיות כך. תרחוץ היטב אותו מקום וסביב ותלבש כתונת לבנה ותציע על מטתה סדין נקיה ותקח חתיכת בד נקיה לבנה מפשתן או מצמר גפן [באנוויל] ולא תהיה חדשה אלא ישנה ותעיין אם היא נקיה ולבנה היטב ובזה תעשה הבדיקה היינו שתכנים את הבד באצבעה עמוק עד המקום שמרגשת כשהיא עם בעלה ותבדוק היטב בכל הצדדין בחורין וסדקין ואם כבד לה מאד להכנים הבדיקה בעומק כ"כ כמו שכתבנו לכה"פ תראה להכנים בכל כחה עד המקום שידה מגעת בכל האפשרי ולבדוק בכל הצדדין בחורין ובסדקין. והאשה שאינה עושה כן ומכנסת הבדיקה ב"א מעט ומקנחת עצמה אין בדיקת הפסק טהרה שלה כלום ולא תועיל לה טבילתה והרי היא בחזקת נדה [בחיוב כרת ר"ל]:

ח.

מהנכון שתנהג עצמה שאחר בדיקת ההפסק טהרה תכנים חתיכת פשתן נקיה בעומק וגם יהיה דחוק ויהיה מונח שם עד הלילה ואח"כ תוציא ותראה אם היא נקיה:

ט.

מיום המחרת שאחר בדיקת הפסק טהרה זו תתחיל למנות השבעה נקיים ומחויבת לבדוק עצמה שתי פעמים בכל יום משבעת הימים שחרית וקודם הערב בחתיכת בד נקיה ולהכניסו בעומק כנ"ל ואם כבד לה לעשות כן בכל יום למעה"ש לכה"פ פעם אחת משבעת הימי נקיים [והעיקר ביום ראשון] מוכרחת לעשות הבדיקה ממש כבדיקת ההפסק טהרה ושאר הבדיקות תעשה איך שתוכל. אך כל אשה צנועה בל תקל עצמה בהבדיקות ותבדוק עצמה היטב כל שבעת הימים ואם לא בדקה עצמה היטב אף באחד משבעת הימים בבדיקה טובה בעומק כמו שצריך

להיות

---

מעין טהור שטייט נאך בין השמשות איז דאס אגרייז פון דרוק;

ז.

דער אבצוג דארף זיין אזוי. זיא זאל זיך גוט ארום וואשין דאס ארט אונ ארום דעם ארט. אונ אן טוען אקלאהר העמד. אונ לייגען אקלאהר ליילעך. אונ נעמען אגאנץ ריין טיכיל פון לייווינט אדער פון באנוויל. נישט קיין נייא טיכעל אונ נישט קיין שטאפס נאר איין אלט טיכיל. אונ בייא קוק'ן אויב עס איז גוט ריין אונ ווייס. אונ מיט דעם טיכעל מאכין דיא בדיקה. היינו זיא זאל דאס טיכעל אריין ברייגגען אין דעם ארט מיט דעם פינגער גאנץ טיף. אזוי ווייט וויא זיא שפירט ווען זיא איז צו זאמען מיט איהר מאן אונ זאל זיך גוט בודק זיין אין אלע זייטען אונ אלע ווינקלען. אונ ווען עס איז איהר גאנץ שוועהר אריין צו ברייגגען אזוי וויא דא שטייט. צום ווייניגסטען מוז זיא זעהען מיט אלע קרעפטין אריין צו ברייגגען אזוי טיף וויא עס איז נאר מיגליך אונ בודק זיין אין אלע זייטין אונ אלע ווינקלען. אונ דיא אשה וואס טוט נישט אזוי. נאר זיא ברייגגט אריין אביסיל אונ ווישט זיך אפ איז דער אבצוג גאר נישט גירעכינט.

אונ עס העלפט גאר נישט איהר טבילה, אונ זיא איז ווייטער אנדה (בחיוב כרת ר"ל)

ח.

עס איז גלייך זיך נוהג צו זיין אז נאך דעם אבצוג זאל זיא אריין ברענגען אריין טיכעל גאנץ טיף אונ איינג. אונ עס זאל דארטין ליגען ביז נאכט. אונ דער נאך זעהן אויב עס איז גאנץ ריין:

ט.

פון מארגען נאך דעם אבצוג זאל זיא אן הייבען ציילען דיא זיבען ריינע טעג. אונ זיא איז מחויב זיך בודק צו זיין צוויי מאל יעדען טאג. אין דער פריה אונ פאר נאכט אלע זיבען טעג. גאנץ טיף מיט אריין טיכעל. נאהר ווען עס איז איהר שוועהר אזוי טיף בודק צו זיין וויא עס דארף זיין. למע"ה אין ווייניגסטען איין מאהל פון דיא זיבען ריינע טעג (אונ דער הויפט איז דעם ערשטין טאג) מוז זיא מאכען א בדיקה אזוי וויא דיא בדיקה פון אבצוג אונ אין דיא רעשטע טעג גיוויינדליכע בדיקות. נאר יעדע פרומע אשה זאל זיך נישט גרינג מאכין אונ זאל אלע טאג גוט בודק זיין. אבער ווען זיא האט קיין איין מאל פון דיא זיבען טעג

אויך

להיות ורק הכניסה מעט וקנחה עצמה אינה נחשבו השבעת ימי נקיים לכלום וטבילתה אינה טבילה ועדיין היא נדה גמורה :

כל הבדיקות צריכות להיות לאור היום ולא לאור הנר ולא לאור האבוקה [לאָמפּ] :

## יא.

השבעה ימי נקיים צריכין שיהיו רצופים דהיינו שלא תראה בכל אלה הימים שום דם ולא שום כתם. ואם מצאה דם או כתם באמצע השבעה נקיים שנטמאה עי"ז. צריכה לחזור ולספור שבעה נקיים מחדש ולעשות מקודם בדיקת הפסק טהרה עוד הפעם כדין הנזכר למעלה, אלא שאינה צריכה להמתין חמשה ימים עד עשיית ההפסק טהרה כמו בתחלה אלא באותו יום שנטהרה מדם תוכל לעשות קודם הערב ההפסק טהרה וממחרת תתחיל לספור השבעה נקיים :

## יב.

נמצא איזה נשים שאינן יודעות איך להתנהג וכאשר צריכין לעשות ההפסק טהרה אינן בודקות עצמן קודם הערב שמש ואומרות שמכוונות במחשבת שתתחיל ההפסק טהרה מביום ובלילה עושין הבדיקה מודיעים אנחנו אותן שהם בחזקת נדות גמורות כשעושין כן ומצוה לפרסם טעותן זאת :

## יג.

כלה קודם חתונתה צריכה לספור שבעה נקיים קודם טבילתה וההפסק טהרה והבדיקות מהשבעה נקיים שוה הוא לבדיקת שארי נשים ואסור לה להקל עצמה ח"ו בשום אופן אף כחוט השערה :

## יד.

תתחיל לספור השבעה נקיים סמוך לחתונתה כשיודעת בבירור הזמן המוגבל שהתתונה צריכה להיות :

## טו.

אם באמצע ספירת השבעה נקיים אירע שנתאחר זמן החתונה

---

אויך נִישְׁט בּוֹדֵק גִיוֶוען גַאנְץ טִיף וִויא עֶס גִיהֶער צוּ זַיין. נָאר אַבִּיסֶעל אַרַיין גִיבְּרֶענְגְט אוּנ אָפּ גִיווִישְׁט. אִיז אִיהר זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג נִישְׁט גִירֶעכִנְט. אוּנ דִיא טְבִילָה אִיז קֵיין טְבִילָה נִישְׁט. אוּנ זִיא אִיז וַוייטֶער אַרֶעכְטֶע נִדָּה :

אַלֶע בְּדִיקוֹת דַארְפִין זַיין בַּייא דִיא לִיכְטִיקַייט פוּן טָאג נִישְׁט בַּייא קֵיין לִיכְט אוּנ נִישְׁט בַּייא קֵיין לָאמְפּ :

## יא.

דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג דַארְפִין זַיין דוּרךְ אַנַאנְדֶער. זִיא זָאל אִין דִיא טֶעג גָאר נִישְׁט גִיפִינֶען קֵיין דַם אוּנ קֵיין שוּם פְּלֶעק. אוּנ וֶוען זִיא הָאט גִיפוּנֶען דַם אָדֶער אֵיין פְּלֶעק אִין מִיטֶען דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג וָואס זִיא אִיז טָמֵא גִיוָוארִין מוּז זִיא אוֹיפְּס נַייא צֵיילֶען זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג. אוּנ מַאכֶען אֵיין נַייעֶם אָבְּצוּג רִיכְטִיג וִויא אוֹיבִּין אִיז גִישְׁטַאנֶען. נָאר זִיא דַארְף נִישְׁט וַוארְטִין פִּינְף טֶעג אוֹיף דֶעם אָבְּצוּג. נָאר וֶוען זִיא וֶוערְט רֵיין קָאן זִיא פַאר נַאכְט מַאכִין דֶעם אָבְּצוּג אוּנ פוּן מָארְגִין אָן הֵייבִּין צֵיילֶען זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג :

## יב.

טֵייל וַוייבֶּער וָואס וַוייסֶען נִיט אוּנ אַז זַייא דַארְפִין מַאכֶען דֶעם אָבְּצוּג, זֶענֶען זַייא זִיךְ נִישְׁט בּוֹדֵק פַאר נַאכְט, נָאהר זַייא זָאגֶען אַז זַייא הָאבֶּען אִין זִינֶען, אוּנ בַּייא נַאכְט מַאכֶען זַייא דִיא בְּדִיקָה. זָאלֶען זַייא וִויסֶען אַז זַייא זֶענֶען רֶעכְטֶע נִדוֹת עֶס אִיז אַ מִצְוָה דָאס מְפַרְסֵם צוּ זַיין :

## יג.

אַ כַּלָה פַאר דִיא חֲתוּנָה מוּז צֵיילִין זִיבִּין רֵיינֶע טֶעג פַאר דֶער טְבִילָה. אוּנ דֶער אָבְּצוּג אוּנ דִיא בְּדִיקוֹת פוּן דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג אִיז גְלַייךְ וִויא בַּייא אֵיין אַנְדֶערֶע אִשָׁה זִיא טָאהר זִיךְ גָאר נִישְׁט פַאר גרִינְגֶערִין ח"ו אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאל דִיא מִינְדֶעסְטֶע הָאר :

## יד.

זִיא זָאל עֶרְשְׁט אָן הֵייבֶּען צֵיילִין דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג נָאהְנְט פוּן דִיא חֲתוּנָה. וֶוען זִיא וַוייסְט שׁוֹין קְלָאהְר אוּנ זִיכֶער וֶוען דִיא חֲתוּנָה וֶועט זַיין :

## טו.

אַז אִיז מִיטֶען צֵיילִין דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג. הָאט זִיךְ

החתונה ולא תהיה בהיום אשר חשבו בתחלה צריכין לשאל אצל מורה הוראה אם צריכה לספור השבעה נקיים מחדש. ומצוה רבה לפרסם זאת כי כמה אנשים אינן יודעין זה שצריך לשאל שאלה על דבר זה וסוברים כי כיון שספרה שבעה נקיים דיה:

## טז.

## דיני טבילה

ביום שצריכה לילך לטבילה לא תאכל בשר כל היום זולת אם אירע טבילתה במוצאי שבת מותר לה לאכול בשר בשבת אלא שתנקר היטב בין שיניה בערב קודם הטבילה כי אם יש דבר מה בין שיניה או על שיניה טבילתה אינה טבילה גם לא תלוש עיסה ביום טבילתה ולא תגע בכל דבר הנדבק על ידיה. אך אם צריכה לעשות לכבוד שבת תעשה הכל ואך תרחוץ עצמה היטב אחר זה:

## יז.

צריכה לילך לבית הטבילה בעוד יום בכדי שתוכל לרחוץ את עצמה ולסרק ראשה וליטול צפרניה וכל מה שצריכה לעשות תעשה הכל ותעסוק בדברים אלה עד שתחשך. ואם אין באפשרי לה לעשות הכל קודם שחשכה מותרת לעשות בלילה אך בל תעשה במהירות ורק בישוב הדעת. ומאד יש ליזהר שהאשה העומדת על הטבילה בל תחפז והדחק בהנשים שיכלו מעשיהן שעי"ז לא יוכלו לעשות הכל כדין והאשה הדוחקת בהנשים שימהרו מעשיהן מחטאת את ימיה בזה ועונה תשא ואסורה להיות עוד ממונית ע"ז אם לא תיטיב מעשיה·

## יח.

צריכה לרחוץ היטב כל גופה וכל מקומות הנסתרים צריכה לטהר אותם שלא ישאר עליהם שום לכלוך. וצריכה לסרק ולחוף את שערותיה היטב וכל זה יהיה במים חמין. ואחר רחיצתה צריכה להשגיח

היטב

---

זיך גימאכט איין עיכּוב אַז דיא חתוּנה וועט נישט קענען זיין אין דעם טאג וואס מען האט פריער אפּ גישמיסט. דארף מען פרעגען אַ שאלה אויב זיא דארף איבער נייעם ציילען זיבען ריינע טעג. עס איז אַ גרויסע מצוה דאס בעקאנט צו מאכין. ווייל פיל מענשין ווייסין נישט אַז דארוף דארף מען פרעגען אַ שאלה. זיא מיינען אַז זיא האט נאהר גיציילט זיבען ריינע טעג איז שוין גענוג:

## טז.

## דינים פון דיא טבילה.

דעם טאג ווען זיא דארף גיין טבילה זאל זיא דעם גאנצין טאג קיין פליישׁ נישט עסען. נאהר אַז זיא איז טובל מוצאי שבת (שבת צונאכט) מעג זיא שבת עסען פליישׁ. נאר זיא זאל זיך גוט אוים שטעכין צו ווישען דיא ציין פאר דער טבילה. ווארום אַז עס איז עפּעס דא צו ווישען דיא ציין אָדער אויף דיא ציין. איז דיא טבילה נישט קיין טבילה. אויך זאל זיא דעם גאנצען טאג נישט קנעטען קיין טייג און נישט אָן רירען קיין קלעבעדיגע זאך. ווען זיא דארף טוהן לכבוד שבת. מעג זיא טוען. נאר זיא זאל זיך באלד דער נאך גוט אפּ וואשען

## יז.

זיא זאל גיין צייטליך פאר נאכט אין מקוה כּדי זיא זאל קענען זיך באדין צוואגען אלעס וואס מען דארף טוהן אלעס פאר נאכט און עס זאל דויערין אין דער נאכט אריין. און ווען עס איז אָבער איהר נישט מעגליך אלעס צו טוהן פאר נאכט. מעג זיא טוהן ביי נאכט. נאר זיא זאל נישט טוען היילינדיג נאר גילאסען. למענ"ה דיא טיקערין זאל נישט יאגין אויף דיא ווייבער ביי דעם באדין. כּדי זיא זאלין קענען אלעס טוהן כּדין. און דיא טיקערין וואס יאגט אויף דיא ווייבער פאר זינדיגט זיא זיך איהרע יאהרין. און זיא טאהר-נישט זיין קיין טיקערין.

## יח.

זיא זאל זעהן זיך גוט ארום, וואשין דעם גאנצין גוף. און אלע פארבארגענע ערטער ריין צו מאכען. עס זאל אויף איהר גאר נישט קלעבין. און דיא האר גוט צו קעמען און אוים צוואגען. און דאס אלעס זאל זיין מיט ווארעם וואסער. און נאך דעם באדין זאל זיא זיך גוט ארום זעהן דעם גאנצען גוף אויב עס קלעבט נישט עפּעס אויף דעם גוף. און אויב ער איז גאנץ רייז. און דיא ערטער וואס זיא קען נישט דער

עד

היטב על כל גופה אם אינו דבוק שום לכלוך בגופה ואם נקי הוא לגמרי ובהמקומות שלא תוכל לראות בעיניה תמשמש בידיה אם אין שם לכלוך וכן כשהולכת על המדרגות אל המקוה ומתלכלכים רגליה בעפר וטיט תרחוץ אותם היטב במי המקוה קודם טבילתה ותעיין קודם הטבילה על רגליה ובין אצבעותיה אם הם נקיים:

## יט.

האשה העומדת על הטבילה צריכה להשגיח היטב שלא תצא מהאשה הטובלת בשעת טבילתה שום חלק קטן מגופה מן המים וגם על שערה כ״ז צריכה להשגיח שלא יפוצו למעלה מן המים כי אף אם יצאת רק מקצת משערה אחת מתוך המים לחוץ אין טבילתה טבילה כלל והרי היא עדיין בנידותה באיסור כרת ר״ל ע״כ צריכין ליזהר מאד בזה. ומנהג טוב שהנשים לא ישאו על עצמן שערות גדולות כדי שלא תבאנה לידי מכשול בטבילתן:



## כ.

לא תטבול עצמה בקומה זקופה וגם לא תשוח הרבה יותר מדי [וע״כ צריך שיהיה גובה המים לכה״פ כזרת למעלה מטבורה [נאפיל] כי יש מקומות בגוף שנסתרין כשעומדת בקומה זקופה וכן כששוחה עצמה הרבה ולא תבא שם המים אלא צריכה לכפוף עצמה מעט כמו בעת שעורכת עיסה. ידיה לא יהיו סגורים רגליה לא יהיו מדובקים זה בזה שאם היו רגליה מדובקים זה לזה וידיה סגורים עד שלא תוכל לבא שם המים ביניהם לא עלתה לה טבילתה. פיה אינה מחויבת לפתוח שתבא מים לפיה אבל לדבק שפתיה ביותר אסור. אך צריכה שיהיו שפתיה רפוים כמו שהם תמיד. עיניה אסור לסגרם היטב וכן לפתחם ג״כ אסור אלא צריך שיהיו סגורים מעט. וצריכה ליזהר בכל אלו הדברים כי כמה דברים מעכבים הטבילה אף בדיעבד ואם לא תזהר בהם תפסול את טבילתה. ולכן לא תעשה הטבילה במהירות כ״א בישוב הדעת כדי שתזכור את כל אשר צריכה לעשות ובכל אשר צריכה ליזהר:

אם

---

יעהן מיטין אויג זאל זיא ארום טאפין מיט דיא הענד אויב עס איז גאר ריין. גם אז זיא גייט אראפ אין מקוה אונ דיא פיס ווערין איין גיטרעטין אין בלאטע זאל זיא פאר דיא טבילה גוט אפ וואשין אין מקוה דיא פיס אונ צווישין דיא פינגער אונ בעקוקען אויב עס איז גאר ריין:

## יט.

דיא טיקערין דארף שטארק אכטונג געבען בשעת טבילה אז עס זאל נישט ארויס שטארין קיין שום חלק פון גאנצין גוף פון וואסער. אונ אויך דיא האר שטארק אכטונג צו געבען עס זאל נישט ארויס שטארין אדער שווימען איבער דעם וואסער. ווארום אז עס האט ארויס גישטארט פון וואסער אפילו איין ברעג פון איין האר איז דיא טבילה גאר נישט קיין טבילה אונ זיא איז ווייטער איין רעכטע נדה ע״כ איז א מנהג טוב אז ווייבער זאלין נישט גיין אין גרויסע האר כדי זיא זאלין נישט קומען צו קיין מכשול אין טבילה:

## כ.

א זאל זיך נישט טובל זיין גאר אויף גישטעלט.

אויך נישט שטארק איין גיבויגען דען עס איז דא ערטער אין גוף וואס ווערין פארבארגין דורך דעם. אונ דאס וואסער קומט נישט אויף זייא דאריבער זאל זיא זיך טובל זיין אביסעל איין גיבויגען אזוי וויא זיא ווערגערט טייג. דיא הענט זאל זיא נישט האלטען צו גימאכט. דיא פיס זאל זיא נישט האלטען צו זאמען ווארום אז זיא האט דיא הענט גיהאלטין צו גימאכט אדער דיא פיס גיהאלטען צו זאמען וועלכעס דאס וואסער קען נישט אריין קומען. איז דיא טבילה נישט קיין טבילה. דאס מויל דארף זיא נישט עפענען עס זאל אריין גיין וואסער אין מויל. אויך זאל זיא נישט שטארק צו מאכען דיא ליפין. נאר זיא זאל אביסעל צו האלטין אזוי וויא עס איז גיוויינטליך. דעם גלייכען דיא אויגען ז״ל זיא נישט שטארק עפענען. אונ אויך נישט שטארק צו האלטען. נאר אביסעל צו גימאכט. זיא מוז געווארינט זיין אין דעם אלעמען. ווארום אז זיא איז נישט געווארינט אין דעם אלעמען איז דיא טבילה נישט גירעכינט פאר קיין טבילה. איבער דעם זאל זיא דיא טבילה נישט מאכין היילינדיג. נאר מיט ישוב הדעת. זיא זאל אין זינען האבין אלעס וואס זיא דארף טהון. אונ אלעס וואס זיא דארף געווארינט זיין:

יאז

## כא.

אם אירע טבילתה בליל ש"ק צריכה לילך לבית המרחץ בעוד היום גדול לא פחות משעה שלמה קודם זמן הדלקת הנרות כדי ש־הא לה שהות לתקן את עצמה היטב קודם זמן הדלקת הנר שלא תבא לידי חילול שבת ח"ו ותוכל לילך להדליק נרות שבת בזמנה ואח"כ תלך לבית הטבילה. ואם נתאחרה ותראה כי לא יהיו לה שהות לבא להדליק הנרות בזמנה תגיד לבעלה שהוא ידליק הנרות כדי שלא תצטרך למהר את עצמה מחמת זה וע"י המהירות לא תעשה הכל ח"ו כיאות. וקודם כל דבר תטול צפרניה ותסרק את עצמה כל עוד שלא שקעה החמה כי משתשקע החמה וחשכה אסור לעשות זאת וממילא תהא צריכה לדחות טבילתה ליום אחר. ואם שכחה ליטול צפרניה ושקעה החמה צריכה לישאל אצל מורה הוראה. והנני מזהירם ומודיעם כי האשה אשר תסרק את שערה או תחתוך צפרניה אחר זמן הדלקת הנרות היא מחללת שבת שיש בזה עון מיתה חס ושלום ומה שאומרות איזה נשים כי מפני מצות טבילה מותר ליטול הצפרנים או לסרק את שערה גם אחר זמן הדלקת הנר מודיעים אנחנו כי טועות הן בדבר זה כי לא הותר שום איסור מחמת מצוה זו ולמעה"ש שלא להקל על עצמה ובל תחטא את ימיה בעון חלול שבת ח"ו:

## כב

הנה יש עוד הרבה דינים מהלכות נדה הכתובים בספר מעין טהור ועוד בכמה ספרים אשר כל אשה מחויבת ללמוד אותם ולא כאיזה נשים שאומרות שהדינים מספר מעין טהור הוא רק לנשים צדקניות. לא כן הדבר אלא שכל הדינים מספר מעין טהור מחויבת בהם כל אשה ואשה ואסור לסור אפילו מאחד מהדינים אפילו כחוט השערה אם לא בשאלת מורה הוראה ואנחנו כתבנו בזה רק עקרי דינים המצויים ביותר שמחוייבת כל אשה ללמוד אותם הרבה להיות בקיאה בהם שלא תכשל בהם ויש כמה נשים עלובות אשר לא ידעו לקרות בספר ומחמת זה נכשלים ר"ל בכמה דברים שהם ח"ו כנדות גמורות. ע"כ אנו מבקשים מאד מאד שאותן הנשים היודעות

לקרות

---

## כא.

אז די טבילה קומט אויס פרייטיג צו נאכט זאל זיא גיין אין באד גאנץ פריא ביי טאג אום ווייניגסטינס א שעה פאר ליכט צינדען כדי זיא זאל אלעס קענען פארטיג מאכין זיך פאר נאכט זיא זאל נישט קומען צו חילול שבת. ח"נ אזו זיא זאל גיין אהיים ליכט צינדען אין דער צייט אונ דער נאך זאל זיא גיין צום בית הטבילה. אונ אז עס איז שוין שפעט דארף זיא הייסין איידער זיא גייט אוועק דעם מאן ליכט צינדען כדי זיא זאל זיך ניט דארפין אהיים היילין גיין ליכט צינדען ווארום דורך דעם קען זיא ניט טוען אלין וויא מען דארף אונ וויא זיא קומט אהין איז דאס ערשטע די נעגיל אראפ צו נעמען אונ אויס צו קעמען זיך איידער דיא זון גייט אונטער ווארום אז עס ווערט שבת טאר מען דאס ניט טאהן. ווען זיא דאך ניט קענען גיין אין טבילה אונ אויב זיא האט פאר געסען אפ שניידען אונ דער וויל איז געווארין שפעט דארף זיא פרעגין א שאלה. מען זייז מזהיר אונ מען ווארינט גאנץ שטארק אז דיא אשה וואס שנייט נעגיל נאך דיא צייט פון לעכט צינדין. איז זיא מחלל שבת וואס עס קומט דער פאר מיתה ח"ו אונ וואס טייל ווייבער זאגין אז וועגין דיא מצוה פון טבילה מעג מען שניידען נעגיל אדער קעמען אדער צוואגען נאך דיא צייט פון ליכט צינדען. זאגען מיר מודיע אז זייא זענען אין דעם גאר גינארט. עס איז קיין שום זאך נישט מותר צו ליב דיא מצוה פון טבילה. אונ למענ"ה ח"ו גישט זיך מתיר צו זיין זייא זאלין זיך נישט פאר זינדיגען זייערע יאהרען:

## כב.

עס איז דא נאך פיל דינים פון נדה וואס שטייען אין ספר מעין טהור. אונ אנדערע הייליגע ספרים וואס יעדע אשה איז זייא מחויב צו לערנען. אונ נישט אזוי וויא טייל זאגין אז דיא דינים פון ספר מעין טהור איז נאר פאר דיא פרומע ווייבער. עס איז נישט אזוי. נור דיא אלע דינים פון ספר מעין טהור איז פאר יעדע אשה. מען טאר נישט אפ טרעטין דיא מינדעסטע האר פון אלע דינים סיידין מיט א שאלה פון א מורה הוראה. אונ מיר האבין נאר דא גישטעלט דיא הויפט דינים וואס גיוויינטליך איז. וואס מען דארף זייא שטארק צו לערנען אונ גוט קלאהר צו זיין. אונ עס איז נעבאך פאר האנדין פיל ווייבער וואס קענען נישט לייענען דארום ווערין זייא ח"ו נכשל (גישטרויכילט) אין פיל זאכין וואס זייא זענען ח"ו רעכטע נידות. ע"כ בעט

מיר

לקרות בספר ירחמו על אלה הנשים העלובות שלא יחטיאו ימיהם ח"ו ולהודיע וללמד אותן את עקרי הדינים הנחוצים עד שיהיו בקיאין בהן וידעו ליזהר בהם ובזכות זה יזכו לכל טוב ואושר בעולם הזה ובעוה"ב אמן :

## כג.

**יולדת** במדינתנו אינה צריכה להמתין שמונים יום לנקבה כמו שנוהגות איזה נשים . אלא מיד אחר ארבעה עשר יום מיום לידתה לנקבה ושבעה לזכר והיא נטהרה מדם תוכל לעשות בדיקת הפסק טהרה ותתחיל לספור שבעה ימים נקיים ותטבול בדין ומותרת לבעלה אך אם תבא דם אחר טבילתה אסורה לבעלה כמו כל הנשים . סליק :

## חתימת הספר

**כתיב** חכמת נשים בנתה ביתה ואולת בידה תהרסנו והיינו שהאשה שהיא חכמה לנהוג עניניה כראוי נבנה כל הבית על ידה והיא זוכה לה ולבניה לכל טוב כמו שביארנו למעלה ומי שהיא אולת ואינה רוצה להתנהג בדרך ד' היא מהרסת לכל הבית שע"י שמתעצלת לטבול גורמת לבעלה ולבניה להכרת מארץ החיים וכמו דכתיב בתורה שישארו ערירים דהיינו אפילו יש להם בנים מכבר הם מתים היש לך הירוס יותר מזה . וע"כ יזהרו מאוד בענין זה. ואפילו אם נמשך כמה חדשים מעת שראתה וכבר נעשית מעוברת שפסקה מלראות דם ויותר מזה שאפילו אם היא באה בשנים כ"כ שנעשית זקנה

---

מען זייער אונ זייער אז דיא וואס קענען לייענען זאלען זעהן רחמנות צו האבען אויף זייערע יאהרין אונ זייא צו לערנען און קלאהר צו מאכען אין די נייטיגע דינים . ובזכות זה וועט זיי גאט אונ וואהל זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אמן :

## כג.

**איולדת** דארף זיא ניט ווארטען אין אונזערע מדינות קיין אכטציג טעג לנקבה ווי אנדערע ווייבער זענען זיך נוהג נאר ווי עס גייט אוועק פערצין טעג פון געווינען צו איין נקבה אונ זיבען טעג פון אזכר אונ זיא איז ריין געוואהרן פון דם קען זיא מאכען איין אבצוג אונ אן הייבען צו ציילען זיבען רייגע טעג אונ טובל זיין זיך איז זיא מותר צום מאן נאר אז זיא וועט איבער אניים זעהן דם ווערט זיא אויך אסור צום מאן אקיראט ווי אלע . סליק :

עס שטייט אין פסוק חכמת נשים בנתה ביתה ואולת בידה תהרסנו והיינו דיא פרוי וואס זיא איז אקלוגע צו פירען אירע זאכען וויא עס דארף זיין ווערט אויף געבויעט דיא גאנצע הויז דורך איר אונ זיא איז זוכה פאר זיך אונ אירע קינדערלאך צו אלדעם גוטס וויא מיר האבען אויף געוויזען אונ דיא וואס זיא האט אין זיך נארישקייט אונ זיא וויל זיך ניט פירען אין דעם אייבערשטינס וועג צו פירט זיא די גאנצע שטוב ווארום דורך דעם וואס זיא פוילט זיך טובל זיין זיך איז זיא גורם איר מאן מיט אירע קינדערלאך אז זיי זאלען גיט אוים לעבין זייערע יאהרען וויא עס שטייט ערירים יהיו דהיינו אפילו אויב זיי האבען שוין קינדער פון פריער איז דיא עבירה גורם אז זיי זאלען אוים שטארבען אונ צו דארף מען מער צו פירען דיא שטוב וויא דאס איז ועל כן דארף מען זיך זייער היטען פון דעם עון . אונ אפילו אז עס האט זיך אב געצויגען כמה חדשים פון זינד זיא האט געהאט דיא צייט אונ זיא איז שוין געווארען מעוברת זעהט זיא דאך איצטער גיוויס ניט אונ נאך מער אפילו זיא איז שוין אין ווייטע יאהרען דהיינו צו אלטע יאהרען וואס זיא האט לאנג אן געווארען דעם וסת פון דעמסט וועגין איז זיא טמא מן התורה פון דער צייט אן ווס זיא האט אמאהל געזעהן דם אונ זיא האט זיך דענסטמאל ניט טובל געוועזן ועל כן איז איצטער ווען זיא וויל זיין מיט דעם מאן איז זיא מחוייב זיך טובל זיין איין מאהל אונ אויב זיא טוט אזוי ניט זענען זיי מחוייב כרת פאר דעם עון אונ דער יצה"ר זאל ניט אנריידין אים אונ איר מיר זענען דאך שוין אלטע לייט וום פאר איין תועלת קען זיין אז צו דער עלטער וועלין מיר ווערן בעלי תשובה איז פאראן אויף דעם איין פסוק אין יחזקאל (קאפיטל ל"ג) כן אמרתם לאמר כי פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאום ד' אלהים אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה דער טייטש איז איר טוט זאגען מיר האבען אזוי פיל זינד אונ מיר וועלין שוין דורך זיי צו גיין ווי קען זיין אז מיר וועלין בעסער ווערין וועלין מיר לעבין ענטפערט ג"ז איך

זקנה שפסקה מלראות מ"מ עדיין טמאה היא מן התורה מעת שראתה ועדיין לא נטהרה ומחוייבת לטבול מן התורה ואם הבעל משמש עמה קודם טבילה חייבין כרת ע"ז. ואל יסיתנו יצרו לומר כבר זקנתי ושבתי ומה תועלת יהיה אם עתה לעת זקנתי אהי' בעל תשובה לא כן אחי כבר נאמר ביחזקאל (קאפיטל ל"ג) כן אמרתם לומר פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה אמור אליהם חי אני נאום ה' אלהים אם אחפוץ במות הרשע כ"א בשוב רשע מדרכו וחיה וכבר הארכתי בזה בפרק י' עי"ש:

והנה עד כה דיברנו אודות הנשים שלא יקילו לעצמן ח"ו באיסור החמור הזה ובסיום דברינו באנו לזרז לאמותיהן שיפקחו על בנותיהן שלא יפלו ח"ו באיסור המר. ואל תאמר האם שדי לה שתדבר עמה אודות זה פעם ושתים לא כן הדבר כי צריכה לעשות כל השתדלות למונעה. והגע עצמך אלי יאתה בתה האהובה כנפשה שוכבת על ערש דוי כמה היתה משתדלת לחלוץ נפשה מסכנה יומם לא תנוח לילה לא תישן לפקח עליה לשומרה להמציא לה כל דברים המחזיקים גויה למען תשאר בחיים ולפעמים בהתגברות חליה שתמאן לקחת סמי רפואות תבכה ותתחנן לה בדמעות תיקרנה נפשך ונפשי בעיניך וקח נא את הסמים האלה ועל אחת כמה וכמה בענין הזה שיודעת איך שבתה האהובה מכנסת נפשה לסכנת מות ר"ל בענין כרת החמור ע"י איסור זה שהוא סכנה לגוף ונפש אין לה לנוח ולשקוט ולעשות כל השתדלות למונעה מסם המות הזה ואם מפני התגברות חולי הנפש לוקח הדעת מצעירי דור החדש על האמהות להתחנן ולבקש שיחוסו נא על עצמם ועל נפש בעליהן וילדיהן שלא זותה בלבד תציל בזה גם בעלה וגם צאצאיהם שבעון כרת הזה נכלל גם ערירי שבנים מתים כשהם קטנים. ואיך תוכל לשקוט בשעה שבתה וחתנה מתאכזרים כ"כ על עצמם ועל פרי בטנם. וגם בנים החיים שיוולדו מבני נדות הלא בודאי יהיו פרוצים וחצופים פושעים ומורדים בהקב"ה כי הם מתשע מדות שמנו חז"ל (שעליהם אמר הכתוב וברותי מכם המורדים והפושעים בי) ומן נכדים כאלה בודאי לא ישבעו

איך שווער ביי מיין לעבן אויב איך וויל אז דער רשע זאל שטארבן איך וויל בעסער אז דר רשע זאל זיך אום קערן פון זיין שלעכטע וועג אונ חרטה האבן אויף אלע זאכען וואס ער האט אפ געטאן אונ ער זאל לעבן. אונ אויבין אין צעהנטין פרק האבין מיר אין דעם אפילו סאריך גירעדט:

הנה ביז יעצט האבין מיר גירעדט וועגין דיא יונגע פרויען זאלין זיך ניט גרינג מאכין אין דיא גרויסע עבירה חלילה אונ אין ענדע פון אונזערע רייד וועלין מיר עטוואס ריידין וויא גרויס איזט דער חוב אויף דיא עלטערע פרויען דיא מוטערס פון דיא יונגע פרויען. זיא זאלין פיעל אכטונג געבין אויף דעם אונ ניט בעגני־גענען זיך מיט איין מאל ריידין. ניט אזויא. זיא איז מחויב צוא טאהן מיט אלע קרעפטין ביז זיא וועט איין געוויינען איר קינד היטען דיא זאך וויא דער דין איז. זיא דארף זיך בערעכענען ווען איר טאכטער וואלט געווען אין איין אנדער געפאר דהיינו אין איין געפערליכע קראנקהייט ווי פיל קרעפטין לייגט א מוטער צו רעטירען איהר קינד? זיא רוהט ניט. זיא שלאפט ניט. זיא זוכט אלע מיטלען איהר געזונד פערשאפין. דאקטוירים. מעדעצינען. ווען דיא טאכטער פון גרויס היטץ וויל קיין מעדעצין ניט נעמען. שרייט די מוטער אונ וויינט מיט טרערין. מיין טאכטער. האב רחמנות אויף זיך אונ אויף מיר אונ נעם דיא מעדעצין. נוא פאר וואס זאל זיין ערגער אזא געפערליכע זאך. וואס די היילגע תורה זאגט אז דורך דעם איז דעם מענטשינס לעבין אין געפאר. דיא פרויא מיינט מאן צו זאגען אויך די קינדר. אויסער וואס עס איז ארעכענונג אין יענע וועלט בעזונ־דער. היינט בייא אזא שרעקליכען געפאר וויא קען דם דיא מוטער רוהען נאונ דאס וואס מען זעהט פיהל מאהל וואס די מענטשען זענען מפקיר דעם איסור אונ לעבין?? זאל קיין קשיא ניט זיין. ווארום דאס זאגין אונז שוין רבותינו ז"ל אז אמאהל האלט אב אזכות. אמאהל ווערט דאס אפ געלייגט אויף יענער וועלט. אבער פיל מאהל ווערט בעצאהלט דא אין דיזע וועלט וויא קאהן דאס א מוטער רוהיג שלאפין אז איהר געטרייע קינד שטעלט זיך אין אזא געפאר זיך מיט דיא קינדער. אונ דאס אויך. די קינדער וואס ווערין געבארין אן טבילה זענען זייא רשעים. מורדים. ופושעים. וויא די היילגע גמרא זאגט אונז. אז אני אונ נייא צו דעם פאטער אונ מוטער

אז

ישבעו אבותיהם מהם נחת בעולם הנצח כי הלא ידוע שמלאך גבריאל מכריז בכל יום למעלה את פעולות בני האדם בעוה"ז (וע"ז אמר הכתוב כי עוף השמים יוליך את הקול ובעל כנפים יגיד דבר) וכמה יתמרמר נפש האדם בשמעו את מעשים המתועבים של זרעו וכמה גדול יהיה כלימתו שם ובפרט כאשר ישמעו את העונש הנחרץ עליהם עבור זה מה גדול יהיה צערם ויגונם וע"כ מוטל על אם רחמניה לחוס ולחמול על בניה ולמנוע בתה מלהכשל בעון המר למען תחיה היא ובעלה ובניה ולמען יצא מהם דור ישרים זרע קודש לתפארת אבותיהם נצח. ומצוה על נשים שאננות בכל עיר ועיר לשום לב על ענין הקדוש הזה שכל כלה בשני שבועות קודם החופה תתודע אצלה אחת מהנשים הנכבדות ותלמדה עקרי ההלכות הכתובות בספר הזה. ומה נכון אם אשת הרב דמתא תשים לב לזה וזכות גדול הוא לכל המשתדלים בענין הקדוש הזה למנוע רבים מאיסור חמור והיה בזה זרע עם ד' זרע קודש מצבתה אכי"ר :

והנה כל זה דיברנו אודות הנשים ובניתיהן וכן מוטל על האיש שרוצה ליקח אשה לעצמו או לבנו ידקדק לישא אשה כשרה שתשמור חוקי היהדות מעניני טבילה וכיו"ב. ומה טוב ונכון להתנהג כמו ששמעתי מאנשים הכשרים הנמצאים בחוץ למדינה שבעת שיצטרכו ליקח נשים (לעצמן או לבניהם) ידקדקו להתחתנות עמהם מתחלה שישמרו חוקי היהדות. ובמקום שמתבוננים שחוקי היהדות לא ישמרו יתרחקו מלהתחתן עמהם אף בכל כסף שבעולם *) למען לא יטמאו את נפשם ויפגמו את זרעם. ועל אלה השמים לב לשמור חוקי ד' ומצותיו אמר הכתוב אשרי איש ירא את ד' במצותיו חפץ מאוד גבור בארץ יהיה זרעו וגו' :

---

אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלֶן בְּרֵיינְגֶען אַזַא דוֹר אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַלְזָא אִיז אַפַּארְפְּלִיכְט אוֹיף יֶעדֶען פָאטֶער אוּן מוּטֶער מִיט אַלֶע קְרֶעפְטִין זֶעהְן אַז בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאל דָס נִיט זַיין כְּדֵי הִיטֶען זֵיי פוּן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע זִינְד פוּן כָּרֵת ר"ל אוּנ אוֹיךְ בִּכְדֵי עֶס זָאל פוּן זֵייא אַרוֹיס קוּמֶען אַ יוּדֶעשֶׁער דוֹר מִיט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת עֶס זָאל זֵיין צוּ אַזְכוּת פַאר זֵייא מִיט דִיא עֶלְטֶערִין אֵייבִּיג. אוֹיךְ לִיגְט אַפְּלִיכְט אוֹיף פְּרוּמֶע יוּדֶעשֶׁע פְרוֹיעֶן אִין יֶעדֶר שְׁטָאט זֵיי זָאלִין אַרַיין טְרַאכְטִין אִין דֶעם אוּנ טָאהְן וָואס זֵיי קֶענֶען וָואס פִיל וֶוערִין נִכְשָׁל אִין דִיא גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן נִיט וִויסֶען דִיא דִינִים. אַלְזָא דַארְף זַיין גֶעמַאכְט. אַז אֵיינֶע פוּן דִיא אַנְשְׁטַאנְדִיגֶע יוּדֶעשֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלִין אוֹיף קוּמֶען מִיט יֶעדֶער כַּלָּה מִיט 2 וָואכִין פַאר אִיהְר חוּפָּה. גֶעבִּין אִיהְר צוּ פֶערְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסֶע גֶעפֶערְלִיכְקֵייט צוּם גוּף אוּן נְשָׁמָה וֶוען זִיא פַאר בְּרֶעכְט וָוס אִין דֶעם. אוּנ אוֹיךְ גֶעבִּין אִיהְר צוּ וִויסֶען דִי דִינִים וִויא זִיא דַארְף זִיךְ פִירֶען. וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר. אוּן דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. פַאר הִיטֶען יוּדֶעשֶׁע קִינְדֶער פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע זִינְד. אוּנ דִיא יוּדֶעשֶׁע פָאלְק וֶועלִין בְּלֵייבֶּען בַּיי זֵייעֶר הֵיילִיקֵייט עֶווִיג. אָמֵן כִּי"ר :

---

*) ומה מאלו האנשים שמדקדקין בעניני שידוכים רק אחרי הכסף והזהב נגד שבמקום שיוכל להשיג הרבה כסף וזהב אף אם באותו המקום חשודים על חלול שבת וכן על עניני טבילה לא יחושו ע"ז כלל. וזה לאות שחמדת הממון גבר עליהם כ"כ עד שמעבירים על דעת קונם וסוף דבר יהיה שהממון יכלה (כי אפילו בסתם נושא אשה לשם ממון אפילו אשה כשרה איתא בא"הע"ז סימן ב' שאותו הממון אין לו הצלחה כ"ש באשה כזו שמעשיה מתועבין בודאי הממון שמרויח ע"ז יכלה עד פ"א) והשונות ישאלו :

# לזכר נשמת

בעלי ואבינו היקר יר"א ובעל צדקה

תומך תורה ומוקיר רבנן

## מר אהרן זצ"ל ב"ר יעקב ראזנער נ"י

שנקטף פתאום בדמי ימיו, בן ל"ב שנה, בריו דזינירו, ברזיל

ביום א' ר"ח אדר א', התשי"א

אשתו ציפא ובניו יוסף, ישראל ואברהם

---

# לזכר נשמת

אשתי ואמינו היקרה

## מרת חינקע רייזל בת ר' אהרן יצחק הירשמאן

נפטרה ביום ה' לפרשת עקב, כ"א מנחם אב, שנת תשי"א

ותהי' נשמתה צרורה בצרור החיים

מאת בעלה חיים ב"ר יעקב

בנה הרב שמואל דוב ב"ר חיים

ובתה שרה בת ר' חיים

# אלו יעמדו על הברכה

## מר אלחנן הכהן קפלן נ״י

ידיד מחברת מחזיקי הדת

---

מזל טוב

להורינו היקרים שיחיו

אמו״ר נחום ב״ר מרדכי יוסף

ואמנו

מרת צירל בת ר׳ שלמה הלוי

לרגלי חתונת הכסף שלהם

שחלה

בשבת הגדול, ה׳תשי״ב

יהי רצון שתזכו לאורך ימים נעימים ומבורכים, ותראו רב נחת מבניכם, ותזכו לעלות לארצנו הקדושה ולחזות שם בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו שיבנה בב״א.

אסתר, זעליג, מרדכי

שלמה, חיה זעלדע

אלו יעמדו על הברכה

אבי מורי

מר צבי אהרן ב״ר בערל וואקס וזוגתו

אמי מורתי

מרת קריינדל בת ר׳ יוסף וואקס

ואחי היקר הבחור

ברוך ב״ר צבי אהרן שי׳

ואחותי היקרה

שרה בת ר׳ צבי אהרן שתחי׳

# לזכרון נצח

נשמת אבי מורי

## ר׳ צבי ב״ר חיים אפפעלבוים ז״ל

ונשמת אמי מורתי

## חוה בת ר׳ מענדל

ונשמת אחי

## חיים ב״ר צבי ז״ל, ומשה דוב ב״ר צבי ז״ל

ונשמת אחותי

## הי׳ שיינדל בת ר׳ צבי ז״ל

## וסימה בת ר׳ צבי ז״ל, וחנה בת ר׳ צבי ז״ל

שנהרגו על קידוש השם ע״י הנאצים ימ״ש הי״ד

ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳

---

לזכרון נצח

אבי זקני מורי ורבי

ר׳ שמעון ב״ר שלום יוסף

הכהן גראסס זצ״ל

---

לזכרון נצח

הר׳ צבי הירש ב״ר חיים לייב

שווארץ וזוגתו

מרת פערל בת אשר זעליג

---

לזכרון נצח

ר׳ אפרים פישל ב״ר דוד

הכהן וויינטרויב וזוגתו

מרת מינטשע בת ישראל

---

לזכרון נצח

הר׳ בנימין ב״ר צבי

שטיינבערג

## לזכרון נצח

ר' אברהם צבי ב"ר יחיאל ז"ל

וזוגתו

מרת גיטל בת ר' יחזקאל

ואת נשמת

הר' דוד ב"ר שמואל בער

וזוגתו

חי' שרה בת ר' אברהם

שנהרגו על קידוש השם
ע"י הנאצים ימ"ש הי"ד
ת'נ'צ'ב'ה'

---

אלו יעמדו על הברכה

הרב דר. ענגלסטראט

ידיד חביב מחברת מחזיקי הדת

---

הבחור

משה ב"ר ישראל ספרין

## לזכר נשמת

הר' יונה אלימלך ב"ר

נתן יהודה וויינבערגער

ונשמת

הר' יוסף ב"ר דוד זיידענפרוי

---

## לזכר נשמת

בעלי ואבינו היקר לנו מפז
וממרגליות טובות
הרב ר' ישראל מיכאל שו"ב
באלק זצ"ל
נפטר כ"ז כסלו, יום ג' דחנוכה,
שנת תש"ו
בגן עדן תהא נשמתו
ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.
מאת אשתו ביילא
ובנו הר' יואל דוד
והר' שמואל פיוועל
והבחור אליעזר ובתו איטע שיחיו

---

אלו יעמדו על הברכה

הרב מאיר ארי'

ב"ר דוד זעליג דאטנאוו